# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

**שבועות**

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## במדבר

ברוך הגבר אשר יבטח בה' - יעדע זאַך איז געמאָסטן און געוואויגן......................................... א

תפקדו אותם - יעדער איד איז אַ "דבר שבמנין", וואָס ווערט נישט בטל......................................... ח

## שבועות

היו נכונים - הכנה צו קבלת התורה......................................... ט

ביום הזה באו מדבר סיני - די הייליגע טעג קודם קבלת התורה......................................... יב

אנכי ה' - ס'איז באמת גוט אפי' ס'זעהט נישט אויס אזוי......................................... טז

"ביום הזה" - קבלת התורה אויך דעם יאָר......................................... כ

"עצי סרק" - דער יו"ט איז פאר יעדעם איינעם גלייך......................................... כד

תיקון ליל שבועות - די גרויסע טהרה אין דעם הייליגן נאַכט......................................... כט

אבינו אב הרחמן - מתפלל זיין אויף הצלחה אין תורה......................................... לב

כאיש אחד בלב אחד - די מצות שבין אדם לחבירו זענען געגעסער אויף די לוחות......................................... לג

# במדבר

**ברוך הגבר אשר יבטח בה' - יעדע זאַך איז געמאָסטן און געוואויגן**

**פקוד** את בני לוי לבית אבותם וגו' (ג, טו). דער אויבערשטער האָט באַפוילן פאַר משה רבינו ע"ה, ער זאָל ציילן שבט לוי. ווען מ'האָט געציילט די לויים, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז זייער שבט איז געווען פיל קלענער ווי די אַנדערע שבטים. פרעגט דער רמב"ן, שבט לוי זענען דאָך געווען ערליך און האָבן נישט געזינדיגט, פאַרוואָס זענען זיי נישט געבענטשט געוואָרן פונעם אויבערשטען, אַזוי ווי די אַנדערע שבטים?

**ענטפערט** דער רמב"ן, ווייל די חז"ל זאָגן (תנחומא, וארא, ו) אַז שבט לוי איז נישט געווען משועבד אין מצרים, זיי האָבן דאָרט נישט געאַרבעט. די אידן וואָס האָבן געאַרבעט שווער אין מצרים, האָבן זיך געמערט אַנטקעגן די גזירה פון די מצריים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות א, יב) "וכאשר יענו אותו, כן ירבה וכן יפרוץ", אָבער שבט לוי האָבן זיך געמערט לויט'ן דרך הטבע, דעריבער זענען זיי נישט געווען אַזוי פיל אין צאָל, אַזוי ווי די אַנדערע שבטים, ע"כ.

**פון** די ווערטער פונעם רמב"ן ז"ל לערנען מיר, אַז דורך יסורים און שוועריגקייטן איז מען זוכה צו אַ ריבוי אין שפע בגשמיות.

**מ'קען** עס פארשטיין אויף אַ טיפערן אופן, לויט ווי הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון חז"ל (ביצה טז.) "כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה", די פרנסה פון מענטש איז באַשטימט פאַר איהם פון ראש השנה[א], אַז דאָס מיינט מען נישט דווקא "מזונותיו" - עסן און

**א.** הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט דערציילט, אַז נאָך זיין חתונה אין עלטער פון 14 יאָר, ווען ער האָט געוואוינט נעבן זיין טאַטן, הרה"ק רבי מרדכי'לע זוועהילער זי"ע, אין דער שטאָט זוועהיל, פלעגט זיין טאַטע יעדן טאָג געבן פאַר זיין שנור, רבי שלמה'קע'ס רעביצין, אַ באַשטימטע סומע, כדי זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן.

איינמאָל האָט הרה"ק רבי שלמה'קע באַשלאָסן, מ'דאַרף האָבן אמונה און בטחון, אַז דער רבונו של עולם פירט די וועלט, און מ'דאַרף נישט גיין בעטן פון טאַטן די זלאָטע. אַזוי זענען אַדורכגעגאַנגען עטליכע טעג, זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך, און ס'איז נישט געווען אין שטוב וואָס צו עסן. זעהענדיג אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן, האָט רבי שלמה'קע באַשלאָסן, "איך וועל זאָגן דעם אויבערשטען ווי אַזוי צו געבן מיר פרנסה? אַז דער אויבערשטער וויל עס זאָל קומען דורך מיין טאַטן, וועט מען בעטן פון טאַטן". איז די רעביצין געגאַנגען צו רבי מרדכי'לען נעמען דאָס געלט.

ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט דער שווער, הרה"ק רבי מרדכי'לע, איר געזאָגט:

- אָה, דו ביזט דאָך נישט געקומען דאָ אַ גאַנצע וואָך! נו, האָסטו דאָ אַ רובל! (אַ רובל איז געווען אַ סאַך געלט).

האָט רבי שלמה'קע דערציילט, אַז יענעם טאָג זענען געקומען צוויי אידן פראַווען זיך ביי זיין פאָטער, און זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז כדאי אַריינצוגיין צו רבי שלמה'קען, אַ יונגערמאַן נאָך די חתונה (זיי האָבן מסתמא אויך געהאַט בדעה איהם צו געבן "דרשה געשאַנק"). אַלזאָ, די צוויי אידן האָבן געשמועסט מיט איהם, און אינצווישן האָט איינער אַרויסגענומען אַ רובל צו געבן פאַר רבי שלמה'קען "דרשה געשאַנק", נאָר רעדענדיג אַזוי, האָט ער פאַרגעסן און צוריק אַריינגעלייגט דעם רובל אין טאַש... בתוך הדברים, איז די רעביצין אַריינגעקומען מיט'ן רובל וואָס זי האָט באַקומען פון הרה"ק רבי מרדכי'לען.

האָט רבי שלמה'קע געזאָגט, אַז דעמאָלס האָט מען איהם אויסגעלערנט פון הימל, אַז דער רובל איז געווען גרייט פאַר איהם, נאָר אויב ער וויל עס האָבן, מוז ער אַליין אַרבעטן דערויף. ער מוז טוהן אַ פעולה דערפאַר.

אַוודאי זענען מיר נישט אין די מדרגה פון רבי שלמה'קע זוועהילער (נישט צו נעמען געלט וואָס מ'גיט עס אונז), אָבער מיר דאַרפן כאָטש איינוואָרצלען אין מוח און אין האַרץ די אמונה, אַז אַלעס וואָס מיר באַקומען פון אַ צווייטן, איז נישט פון יענעם, נאָר פון דעם אויבערשטען, און יענער "נותן" איז נישט מער ווי אַ שליח פונעם באַשעפער, און ממילא פעלט נישט אויס זיך צו "חנפ'ענען" צו זיי... נאָר צו בעטן ביי דעם אויבערשטען, און דער עיקר דאַרף

מען וויסן, אַז ווען יענער האָט "אויפגעהערט" אונז צו געבן דעם דאָלאַר אָדער דעם "רובל", זאָל מען נישט וויינען און זיך באַקלאָגן דערויף, ווייל נישט יענער גיט, און נישט יענער נעמט, נאָר דער אויבערשטער אַליין האָט געגעבן און גענומען, און ממילא, וואָס האָסטו זיך אָפּצורעדן אויף דיין חבר, און ווער נישט פאַרטרויערט מיט אַ דאגה פאַר פרנסה...

אַ איד האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר הרה"ק רבי שלמה'קע, אַ איד האָט געעפּענט אַן ענליך געשעפט אַנטקעגן איבער זיין געשעפט, און ער נעמט איהם צו די פרנסה. שמועסנדיג מיט רבי שלמה'קע, האָט דער יונגערמאַן איהם דערציילט אַ מעשה וואָס איז פאַרגעקומען ביי איינע פון די צדיקים, אַז ער האָט אַראָפּגענומען אַ שטיקל האָלץ פונעם טיש און עס איינגעטונקען אין וואַסער, און עס איז געוואַקסן תבואה...

הערנדיג די מעשה וואָס דער יונגערמאַן האָט דערציילט, האָט רבי שלמה'קע געזאָגט:

- הער וואָס איך וועל דיר זאָגן: אַ איד איז מצווה צו גלייבן אין דעם אויבערשטען. עס זענען דאָ זאַכן וואָס אַ איד איז מחויב צו גלייבן, וואָס אויב ער גלייבט נישט דערין איז ער אַן אַפּיקורס, און עס זענען דאָ זאַכן וואָס ער מוז נישט גלייבן. אויב ער גלייבט נישט דערין, איז ער נישט אַן אַפּיקורס.

- אַלזאָ, דו האָסט דאָ פריער זיך אָפּגערעדט אויף יענעם אַז ער מאַכט קאַליע דיין פרנסה. אויף דעם ביזטו מחויב צו גלייבן, אַז דאָס איז נישט פון יענעם, נאָר פון דעם אויבערשטען, וועלכער האָט באַשטימט דיין פרנסה שוין פון ראש השנה, און קיינער וועט ביי דיר נישט קענען אַוועקנעמען אַפילו אַ האָר פון דעם וואָס ס'איז פאַר דיר באַשערט פון הימל צו האָבן, און אויב דו גלייבסט נישט אין דעם, ביזטו אַן אַפּיקורס.

- ווידער, די צווייטע מעשה וואָס דו האָסט דאָ דערציילט, וועגן דעם צדיק וואָס האָט גענומען אַ שטיקל האָלץ פון טיש און אַריינגעלייגט אין וואַסער, און עס איז געוואַקסן תבואה... איך גיי נישט אַריין אין דעם צו עס איז אמת אָדער נישט, אָבער ס'איז קלאָר, אַז אויב מ'גלייבט נישט אין דעם, איז מען נישט אַן אפיקורס... נאָר וואָס דען, דו ביזט דאָך אַ "חסיד'ישער יונגערמאַן", דערציילסטו די צווייטע מעשה "בדחילו ורחימו", אַז דער צדיק האָט געפּראַוועט אַ "מופת", און עס איז געוואַקסן תבואה פון אַ שטיקל האָלץ אין וואַסער, אָבער די ערשטע מעשה, אַז דער אויבערשטער גיט דיר דיין פרנסה, אין דעם גלייבסטו נישט, און דו קומסט וויינען פאַר מיר אַז יענער נעמט אַוועק דיין פרנסה!...

הרה"ק רבי שלמה'קע פלעגט זאָגן, יעדער איינער זאָגט אַז ער האָט אמונה, אָבער דער אמת'ער 'טעסט' אויב אַ מענטש האָט אמונה, איז ווען ער געפינט זיך אין אַ שווערן מצב ח"ו. אַ איד וואָס האָט אמונה, ווייסט אַז "זה הדבר אשר צוה ה'" - אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן, אַז כך וכך פרנסה זאָל איך האָבן. און אויב מ'ווייסט אַז אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען, רעדט מען זיך קיינמאָל נישט אָפּ אויף קיין שום מצב.

הרה"ק רבי מרדכי'לע טשערנאָבילער זי"ע האָט געזאָגט, אַ איד וואָס האָט אַ געשעפט, און ער עפענט אין דער זייט אַ נאָך אַ טיר צום געשעפט, ביי דער זייט פון דער גרויסער גאַס, כדי דורכגייער זאָלן זעהן דאָס געשעפט און עס זאָלן אַריינקומען אַ סאַך קונים, איז עס אַ סימן אַז ער האָט אַ פגם אין אמונה ח"ו, ווייל וועלכער נאָר גלייבט דען אַז זיינע פעולות ברענגען איהם דאָס געלט, און ער פאַרשטייט נישט אַז זיין פרנסה קומט נאָר פון דעם אויבערשטען.

דעם דאָזיגן סיפור ווערט אַראָפּגעברענגט פון קלויזענבורגער רב זי"ע (שיעור חורש"י, ראה תשמ"ב) און ער צייכנט דאָרט אָן אויף די ווערטער פון "ספר חסידים" (סי' שט) אויף די ווערטער פון פסוק (משלי לא, יד) "היתה כאניות סוחר, ממרחק תביא לחמה". דער אויבערשטער שטעלט-צו פאַר'ן מענטש וואָס לערנט טאָג און נאַכט אַלע זיינע באַדערפענישן, פונקט ווי אַ סוחר וואָס איז מצליח, גרייט-צו דער אויבערשטער פאַר איהם מלאכים וואָס זענען ממונה אויף איהם, און זיי גייען אַריין אין די הערצער פון די סוחרים צו ברענגען סחורה צו יענעם אָרט וואו דער סוחר געפינט זיך, און ער גיט אַריין אַ רצון אין האַרץ פון סוחר צו קויפן, און דערנאָך גרייט ער צו די הערצער פון אַנדערע מענטשן צו קומען קויפן ביים סוחר, און דער מענטש וואָס לערנט אייביג תורה, שיקט איהם דער אויבערשטער מלאכים פונדערווייטנס צו ברענגען איהם אַלע זיינע באַדערפענישן, און דערפאַר ווערט די תורה אָנגערופן "לחם" - ברויט.

איינע פון די צדיקים האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ איד וואָס האָט זיך אָפּגערעדט פאַר איהם אַז אַ צווייטער האָט געעפענט אַן ענליך געשעפט צו זיינעם אויף דער זעלבער גאַס, "אויב דו וועסט שווייגן, וועט אַלעס אַריבערגיין

טרינקען, נאָר אַלע הנאות פונעם מענטש זענען אין דעם כלל. עס ווערט באַשטימט פון הימל פאַר'ן מענטש אַלע הנאות וואָס ער זאָל האָבן דורכ'ן יאָר, און נאָך מער, אויך זיין געזונט און הצלחות זענען אַלע אַריינגערעכנט אין "מזונותיו של אדם". די זעלבע אויך מיט אַלע יסורים וואָס דער מענטש דאַרף אַדורכגיין ח"ו, זענען באַשטימט פאַר איהם פון ראש השנה, און דער מענטש וואָס געניסט מער ווי די מאָס, איז ער אַליין גורם פאַר זיך אַז מ'זאָל איהם חלילה דאַרפן שטראָפן מיט יסורים ח"ו. דאַקעגן, דער מענטש וואָס "צאָלט זיין חוב" מיט זיינע יסורים, איז זוכה צו באַקומען הנאות פון הימל.

לויט דעם יסוד, פלעגט הרה"ק רבי שלמה זי"ע שטענדיג מעורר זיין אַז מ'דאַרף זיך פירן בקדושה. ער האָט געזאָגט, אַז נישט נאָר מטעם די "עבודה" איז גוט פאַר'ן מענטש צו צוימען זיינע הנאות עולם הזה - הנאות וואָס מ'טאָר נישט געניסן, אָדער אַפילו הנאות וואָס מ'מעג יאָ, נאָר ס'איז פשוט אַן עצה טובה פאַר'ן מענטש, אַז אַפילו "געשעפטליך" (מכח "ביזנעס"...) איז בעסער פאַר'ן מענטש זיך צוריקצוהאַלטן פון איבערגעטריבענע הנאות, און דאַן וועט מען זיי צושטעלן אויף אַן אַנדער אָרט בעסערע הנאות[ב], און זיי וועלן נישט שאָדן האָבן אפילו אַ משהו, ווייל דער אויבערשטער וועט זיי צוריקגעבן היילגע הנאות דאָפלט, און אַפילו מער ווי דאָפלט[ג].

---

כשורה... ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קכ, ז) "אני שלום" - אַזוי לאַנג ווי דו שווייגסט, וועט זיין שלום צווישן אייך. "וכי אדבר" - אויב דו וועסט אָנהייבן רעדן קעגן אים, "המה למלחמה", וועט דאָך ווערן אַ מלחמה צווישן אייך...

האָט דער איד געזאָגט:

- רבי, ער מאַכט דאָך מיר אָבער אַ שאָדן ווען ער נעמט אַוועק ביי מיר די קונים?...

האָט דער רבי געענטפערט:

- יאָ, ריכטיג טאַקע, 'קונים' נעמט ער אַוועק ביי דיר, אָבער דיין פרנסה נעמט ער נישט אַוועק אַפילו אויף אַ האָר!...

הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע פלעגט זאָגן, דער וועג צו זעהן אויב דער מענטש גלייבט באמת אין באַשעפער, איז ווען ער גייט דורך פאַרשידענע שוועריגקייטן, דאַן קען מען דערקענען זיין אמונה. אויב ער גלייבט נישט באמת, וועט ער זיך טאָג און נאַכט אָפּרעדן אויף זיין מצב, אָבער דער מענטש וואָס גלייבט, שרייט אויס פון טיפן האַרצן "זה הדבר אשר צוה ה'" - אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן עס זאָל זיין, און איך גלייב אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט מיר קומט פון באַשעפער, לטובה ולברכה, לישועה ולנחמה!

ווען דער מענטש גלייבט אין באַשעפער, ווערט ער אויך ניצול פון דער שלעכטער מדה פון כעס וואָס איז אַ שלעכטע מדה, ווי הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל (שבת קה: רמב"ם ה' דעות פ"ב, ה"ג) אַז דער מענטש וואָס בייזערט זיך ווערט איהם גערעכנט אַזוי ווי ער וואָלט חלילה געדינט עבודה זרה. זאָגט רבי שלמה'קע, אויב ער וואָלט געגלייבט אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם איז פון הימל, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט אויף וואָס און אויף וועמען זיך צו בייזערן, ווייל "יענער" האָט איהם גאָרנישט געטוהן, נאָר דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו האָט עס איהם געטוהן, און מיט זיין עצם כעס איז ער ווי איינער וואָס שרייט אויס אַז עס איז דאָ חלילה נאָך אַ כח אויף דער וועלט אויסער דעם אויבערשטען.

**ב.** אַ איד אין ירושלים האָט אַמאָל געבעטן הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, ער זאָל אויס'פועל'ן פאַר איהם אַ ישועה געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. האָט רבי שלמה'קע איהם געזאָגט:

- דו שטייסט יעדן טאָג אין מקוה, און דו פירסט דאָרט 'אסיפות', איבערגעבנדיג 'נייעס' פון דער גאַנצער וועלט. פון דעם האָסטו אַזאַ גרויסן פאַרגעניגן, אַז דערמיט עסטו אויף אַלע הנאות וואָס זענען באַשטימט פאַר דיר פון הימל, אין דעם כלל איז אויך אַריינגערעכנט די הנאה פון קינדער. אויב דו וועסט אויפהערן דעם דאָזיגן מנהג, וועסטו געהאָלפן ווערן.

וכן הוה, ביז אַ קורצע צייט איז דער איד געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד.

אין בית המדרש פון הייליגן צאַנזער רב, בעל "דברי חיים" זי"ע, האָט אַמאָל יום כיפור פאַסירט, אַז אַ רייכער חסיד האָט גע'חלש'ט ביים דאַווענען, און דער דאָקטאָר האָט באַפוילן מ'זאָל איהם געבן "שיעורים" (טראָפּנס וואַסער). עס איז איהם אָבער נישט בעסער געוואָרן. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מ'זאָל איהם געבן אַ גאַנצן גלאָז צו טרינקען אופי איינמאָל. האָט דער צאַנזער רב געהייסן אַריינרופן אין אויער פאַר דעם עושר (וועלכער איז געווען קאַרג) אַז ער

לויט דעם, האָט ער געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס די אותיות, ווייל דער מענטש וואָס איז מותר אויף זיין ווערטער "קדושה" און "קדשה" האָבן די זעלבע "קדשה" (תאוות) האָט נישט שאַדן די הנאה, נאָר יענע

---

מעג טרינקען וויפיל עס גליסט איהם, אָבער פאַר יעדן גלאָז וועט ער דאַרפן צאָלן מוצאי יום כיפור הונדערט רייניש. און וואונדער איבער וואונדער: אַזוי ווי מ'האָט עס אַריינגערוימט אין אויער פאַרן קאַרגן גביר, איז איהם "בעסער געוואָרן"... און ער האָט שוין נישט געדאַרפט טרינקען אַפילו "פחות מכשיעור"...

פון דער מעשה קענען מיר לערנען, אַז ווען דער מענטש ווייסט אַז יעדע הנאה וואָס ער געניסט אויף דער וועלט וועט איהם שפּעטער קאָסטן טייער, וועט ער שוין נישט אזוי גליסטן נאָך די הנאה...

**ג.** אַמאָל האָט הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע באַמערקט ווי זיין אָרימער משמש גייט אַרום מיט צעריסענע שיך. האָט דער וואָרקער רבי צוזאַמענגענומען געלט פון די שטאָט-לייט פאַר שיך, און באַהאַלטן דאָס געלט אין שאַנק. שפּעטער האָט דער משמש באַמערקט דאָס געלט, און ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון גנב'ענען דאָס געלט... ווען רבי יצחק'ל וואָרקער האָט געזעהן אַז דאָס געלט איז פאַרשוואונדן, און ער האָט שפּעטער געהערט אַז דער משמש האָט עס צוגענומען, האָט ער איהם געזאָגט:

- נאַר איינער! אויב דו וואָלסט אַביסל צוגעוואַרט, וואָלסטו דאָך באַקומען דאָס געלט בהיתר...

לעבן "גן ורשא" אין בני ברק (וואו רחוב ראב"ד קומט זיך צוזאמען מיט רחוב רבי עקיבא) האָט געוואוינט אַ תימנ'ער איד, אַ זקן מופלג, אַ חשוכי בנים ל"ע, ר' עזרא ע"ה, וואָס מיר פלעגן גיין צום איהם יעדן שבת, איהם ווינטשן "גוט שבת". אין שכנות פון ר' עזרא האָט געוואוינט זיין פאָטער, וועלכער איז אַלט געווען 116 יאָר. יונגערהייט, איז דער פאָטער געווען אַ משמש בקודש ביים גאון בעל "בן איש חי" זצ"ל, וואָס כידוע האָבן זיינע משמשים מאריך ימים געווען (צווישן זיי, הרה"צ רבי יצחק כדורי זצ"ל).

(אגב, אמאל האט איינע פון די ראשי ישיבות פון פאניעוועזש באזוכט דעם פאטער, וועלנדיג הערן פון א "כלי ראשון" מעשיות פונעם "בן איש חי" זצ"ל, און ווען ער האט איהם געזאגט, "דו זאלסט לעבן ביז 120", האט דער אלטער זיך אויסגעדרייט צו זיין זון, און געזאגט, "וואס האט ער געזאגט, אז איך זאל לעבן נאך פיר יאר?!...").

האָט דער משמש דערציילט אַ מורא'דיגן סיפור. דער "בן איש חי" פלעגט פאָרלערנען אַ שיעור כחצות הלילה. אַמאָל איז איינע פון די תלמידים געגאַנגען צום שיעור, און גייענדיג אויפ'ן וועג איז ער דורכגעגאַנגען דאָס הויז פון אַן אלמנה, וועלכע איז געווען גאָר אַ רייכע פרוי. דער תלמיד האָט באַמערקט אַז די טיר איז אָפען, און ער איז אַריינגעגאַנגען, וועלנדיג צוגיין צום "סעי"ף" וואו זי האָט געהאַלטן א סאך געלט. "פחז עליו יצרו". ביז אַ מינוט איז ער געשטאַנען ביים געלט... אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך באַרעכענט: ממה נפשך, אויב דאָס געלט איז מיר באַשערט פון ראש השנה, וועל איך דאָך עס באַקומען בהיתר, און אויב עס נישט באַשערט פון ראש השנה איך זאָל האָבן דאָס געלט, וועט עס דאָך אַוועקגיין פון מיר ביז קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט, איז צו וואָס דאַרף איך עס גנב'ענען?... מיט דעם חשבון, האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון די גניבה, און ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון.

וואָס איז געווען דער סוף?

אַלזאָ, די אלמנה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן הערנדיג ווי אַ מענטש דרייט זיך אין איר טונקעלן הויז אינמיטן נאַכט, איז זי צומאָרגנס געלאָפן צום ראש ישיבה פון דער אָרטיגער ישיבה, און געזאָגט, אַז זי וויל חתונה האָבן, ווייל זי האָט מורא צו זיין אַליין אינדערהיים. משום מה האָט דער ראש ישיבה איר אָנגעוויזן אויף דעם דערמאַנטן בחור וואָס איז בייגעשטאַנען דעם נסיון פון גניבה אין דער פאַרגאַנגענעם נאַכט, און ער האָט חתונה געהאַט מיט די אלמנה, באקומענדיג די מיליאנען בהיתר...

די מעשה ברענגט דער "בן איש חי" אַליין אין זיין ספר "נפלאים מעשיך" (פרק עא), און ער לייגט צו דערצו (עניכע ווערטער שטייען אין ספר "יסוד צדיק" בשם הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, און אין "ארץ צבי" פ' ויצא, פון דעם גאון דער קאָזשיגלוב'ער רב זצ"ל הי"ד), וואָס זעהען מיר פון די דאָזיגע מעשה? ווען עס קומט אונטער פאַר'ן מענטש אַ נסיון אין דעם ענין פון שמירת עינים, דאַרף מען געדענקען, אַז מיט יעדע הנאה גשמיות וואָס מ'נעמט זיך אַליין, מאַכט מען קאַליע ח"ו פון די הנאות וואָס זענען פאַרשריבן געוואָרן פון ראש השנה.

הנאה וועט ער געניסן פון דברים שבקדושה, און נאָך מיט אַ "תוספת מרובה על העיקר"ד. דער באַשעפער, וואָס אַלע הנאות געהערן צו איהם, זאָגט פאַר'ן מענטש: "אויב דו ווילסט געניסן אין לעבן, זאָלסטו זיך נישט ווענדן צו די גריבער מיט קאַליעדיגע וואַסערן, נאָר ווען דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיך ערפילן מיט אַן אומבאַגרייפבאַרע הנאה"ה.

**לויט** דעם, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געטייטשט די ווערטער פון רבי נחוניא בן הקנה (ברכות כח:) ווען ער האָט געדאַנקט דעם אויבערשטען, און ער האָט געזאָגט: "מודה אני לפניך ששמת חלקי מיושבי בית המדרש". איך דאַנק דיר, באַשעפער, פאַר דעם וואָס דו האָסט מיר געגעבן אַ חלק צו זיצן אין בית המדרש. "אני עמל, והם עמלים. אני עמל ומקבל שכר". איך פּלאָג זיך, און זיי פּלאָגן זיך, אָבער איך פּלאָג זיך און איך באַקום שכר פאַר מיין האָרעוואַניע, און זיי פּלאָגן זיך און ווערן נישט באַלוינט דערפאַר.

**דאַרף** מען פאַרשטיין וואָס רבי נחוניא בן הקנה האָט געזאָגט אַז זיי באַקומען נישט שכר, אַן אַרבעטער ווערט דאָך באַצאָלט אויף'ן אָרט, אָבער מיר באַקומען שכר ערשט אויף יענער וועלט, ווי די גמרא זאָגט (עירובין כב.) "היום לעשותם (דברים ז, יא) ולמחר (לעולם הבא) לקבל שכרם".

---

**ד.** ענליכע ווערטער שרייבט דער "בית אברהם" (מקץ, ד"ה "ויתאפק"), אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, אויפ'ן פסוק (בראשית מג, לא) "ויתאפק ויאמר שימו לחם". ווען דער מענטש האַלט זיך איין פון נאָכגעבן זיך די תאוות, זאָגט דער אויבערשטער: "שימו לחם" - גיט איהם פרנסה און אַלע גוטע השפעות, אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן.

דאָס איז דערפאַר, ווייל פאַר יעדן מענטש איז באַשטימט פון הימל וויפיל הנאות ער זאָל האָבן און וויפיל צער און עגמת נפש. דער קלוגער מענטש האָט "צער" און עגמת נפש ווען ער האַלט זיך איין נאָכצוגעבן זיך די תאוות, און מיט דעם פילט ער אָן דאָס גאַנצע "מעסטל" פון צער וואָס איז איהם באַשערט פון הימל. ממילא, וועט ער פון יעצט און ווייטער האָבן נאָר די תענוגים, אָבער דער נאַר גייט נאָך זיינע פאַרגעניגנס אויף איין מאָל. ער פאַרקויפט אַלעס פאַר אַ "נזיד עדשים" - אַ טאָפּ מיט לינדזן...

און דער "בית אברהם" ברענגט דאָרט, אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט אַמאָל געוויזן פאַר זיינע תלמידים אַ יונגען פרינץ ווי ער רייט אויף אַ הויכן געזונטן פערד מיט אַ גרויסן פאַרגעניגן, און דער בעל שם טוב האָט געזאָגט:

- דער דאָזיגער יונג, האָט לויט זיין מזל, געדאַרפט ווערן אַ קעניג אויף אַ גאַנצער מדינה, נאָר ער ערפילט זיין באַשטימטע הנאה מיט'ן רייטן אויפ'ן פערד. ער האָט דערפון אַזוי פיל פאַרגעניגן, אַז ער האָט שאָדן געהאַט זיין מלוכה.

דער "רוקח" שרייבט (הל' חסידות, ד"ה "שורש טהרת") אַז דער מענטש זאָל איינהאַלטן זיינע אויגן פון זעהן שלעכטס... ווייל אויב ער האַלט זיך איין פון קוקן וואו מ'טאָר נישט, איז ער זוכה אַזוי ווי יוסף הצדיק, וואָס ער איז געוואָרן דער הערשער איבער'ן גאַנצן לאַנד.

אַזוי שרייבט אויך דער "ספר המידות" (שער מידת יצר הרע) אַז יעדער איינער וואָס ס'איז איהם אונטערגעקומען אַן עבירה און ער האָט זיך אָפּגעשיידט דערפון צוליב ליבשאַפט פאַר דעם אויבערשטען, נישט צוליב מורא פאַר מענטשן, איז ער זוכה און איז עולה לגדולה, ער וועט גרויס ווערן. אַ ראיה האָסטו, ווייל יוסף הצדיק איז גרויס געוואָרן נאָר צוליב דעם וואָס ער איז אַנטלאָפן פון אַ גראָבע עבירה, און אַזוי זאָגט דער מדרש (ב"ר פ"צ, ג, ועוד) אַז פאַר יעדן אבר וואָס יוסף האָט צוריקגעהאַלטן דעם אבר פון זינדיגן, האָט ער זוכה געווען צו גרויסקייט אויף דעם דאָזיגן אבר.

**ה.** דער הייליגער טריסקער מגיד זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט:

- ווי שיין איז די וועלט ווען מ'קוקט אויף איר פון אויבן, און ווי מיאוס איז זי ווען מ'קוקט אויף איר פון אונטן...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ס'איז שיין פאַר'ן מענטש צו קוקן אויף דער וועלט "פון אויבן" - ווען ער איז נישט פאַרזינקען אין תאוות עולם הזה, און עס איז מיאוס ווען ער ליגט "מיט'ן גאַנצן קאָפּ" אין עולם הזה און זיינע נאַרישקייטן...

**האָט** הרה"ק רבי שלמה'קע געענטפערט, אַז יעדע זאַך האָט אַ באַזונדערן חשבון. דער וואָס מאַכט דעם חשבון, און ווייסט ווי אַזוי צו רעכענען, ווייל פאַר דעם דאַרף מען זיי אַ גרויסן מומחה צו קענען רעכענען. מ'וועגט אַלע הנאות אַנטקעגן די יסורים לויט די נאַטור פון דעם מקבל, וויפיל ער האָט הנאה אָדער ער ליידט. אין דעם כלל איז אַריינגערעכנט, קינדער, געזונט פאַר זיך און פאַר די בני בית, און דאָס פאַרמעגן פון מענטש. מיט יעדן פרט וואָס דער מענטש קען געניסן אָדער האָבן צער ח"ו, פון אַלעם וואָס ער פלאָגט זיך אָדער ער ליידט יסורים אין זיינע געשעפטן - אַלעם איז אַריינגערעכנט אין דער מאָס פון "חסרון". די צוויי מאָסן, הנאה און חסרון, ווערן באַשטימט מיט אַ מאָס און אַ וואָג. אויב דער מענטש האָט פאַרגעניגענס אַביסל מער ווי די מאָס, וועט ער אַנטקעגן דעם דאַרפן ליידן אַביסל מער צער ח"ו.

**דער** מענטש האָט אָבער אַ בחירה, אַריינצוליגן זיין גאַנצע הערעוואַניע אין דער קדושה, און מיט דעם איז ער יוצא די גזירה פון דעם באַשעפער, ווייל דער מענטש וואָס האָט צער פאַר אַ דבר שבקדושה, דאַרף נישט ליידן אַנדערע יסורים, און אין צוגאָב דערצו, וועט ער באַקומען שכר אויף יענער וועלט, פאַר'ן אויסוויילן דעם גוטן וועג. מה שאין כן אויב ער וויילט אוים פלאָג און הערעוואַניע בגשמיות, און ער נעמט אַליין אויף זיך אַלע טירדות, וועט ער נישט באַקומען דערפאַר אַ ספּעציעלן שכר אויף יענער וועלט.

**לויט** דעם איז פאַרשטענדליך וואָס רבי נחוניא בן הקנה האָט געזאָגט, אַז די רשעים פלאָגן זיך און באַקומען נישט שכר פאַר זייער פלאָג, ווייל זיי באַקומען נישט קיין שכבר פאַר זייער גשמיות'דיגע הערעוואַניע. דער פאַרדינסט איז סיי-ווי געווען צוגעגרייט פאַר זיי נאָך איידער זיי האָבן געהאָרעוועט ביי דער אַרבעט, אָבער מיר באַקומען יאָ שכר פאַר'ן אויסקלויבן דעם גוטן וועג, אויסער דעם וואָס מיר האָבן הנאות וואָס זענען פאַר אונז באַשטימט געוואָרן.

**לויט** דעם טייטשט הרה"ק רבי שלמה'קע די ווערטער פון אונזער תפילה (תפילת שחרית) "למען לא ניגע לריק, ולא נלד לבהלה, ברוך הגבר אשר יבטח בה'". ווען דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען און ער גליבט אַז אפי' אויב ער וועט האָראווען אַ גאַנצן טאָג וועט ער נישט באַקומען מער ווי עס איז צוגעגרייט פאַר איהם, וועט ער דאָך ממילא נישט אַרבעטן אומזיסט.

**אויך** אויב דער מענטש זעהט אַז זיין חבר איז געפאָרן צו אַ ווייטן לאַנד און ער איז דאָרט רייך געוואָרן, איז עס מעגליך אַז עס האָט זיך פאַרטווישט מיט אַן אַנדערן פאַרגעניגן... ווייל אין הימל איז דאָ אַ חשבון אויף יעדע זאַך, און די וועלט איז נישט הפקר. דער וואָס וויל נעמען "איבריגע פאַרגעניגענס", קען עס נעמען, אָבער צום סוף וועט ער דאַרפן באַצאָלן דערפאַר.

**ער** פירט אוים: דער מענטש וואָס וויילט אוים זיך צו באַמיען און זיך צו פלאָגן אויף תורה, פאַרלייכטערט מען פאַר איהם די אַנדערע יסורים וואָס זענען פאַר איהם באַשטימט געוואָרן, אַלס שכר פאַר'ן אויסקלויבן דעם דרך הטוב והישר, און צומאָל דורך דעם וואָס ער איז זיך משתתף אינעם צער פון זיין חבר, ווערט ער פטור פונעם חוב וואָס ליגט אויף איהם, ווייל אין הימל איז נישט קיין חילוק צי עס איז זיין צער, אָדער דער צער פון אַ צווייטן מענטש. סוף כל סוף, האָט ער דאָך געהאַט צער (געברענגט אין ספר "מים רבים", מאמר "יסוד צדיק", מסכת ברכות).

**אויף** אַן אַנדער אָרט ("מים רבים", מאמר "יסוד צדיק", חלק "אבות"), זאָגט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אַז דאָס איז די כוונה פון די משנה (אבות פ"ו מ"ח) רבי שמעון בן יהודה זאָגט, "הנוי, והכוח, והעושר, והכבוד, והחכמה, והזקנה, והשיבה, והבנים, נאה לצדיקים ונאה לעולם". זאָגט דאָרט רבי שמעון בן מנסיא אויף די ווערטער פון רבי שמעון בן יהודה, אַז די דאָזיגע זיבן מעלות וואָס רבי שמעון בן יהודה האָט דאָ אויסגערעכנט אין דער משנה, זענען אַלע מקוים געוואָרן ביי רבי און זיינע קינדער.

**פון** דער צווייטער זייט, זאָגן די חז"ל (כתובות קד.) אַז איידער רבי איז נסתלק געוואָרן, האָט ער אויפגעהויבן זיינע צען פינגער צום הימל, און געזאָגט: רבונו של עולם, דו ווייסט דאָך אַז איך האָב זיך געפלאָגט מיט מיינע צען פינגער אויף די תורה, און איך האָב נישט הנאה געהאַט פון דער וועלט אַפילו מיט מיין קליינעם פינגער.

**דארף** מען פארשטיין, ווי אזוי האט רבי געזאגט אז ער האט נישט הנאה געהאט פון דער וועלט אפילו מיט זיין קליינעם פינגער? ער האט דאך פארמאגט די אלע זיבן דערמאנטע מעלות, נוי, כוח, עושר, כבוד, חכמה, זקנה (שיבה) און קינדער?

**ענטפערט** הרה"ק רבי שלמה'קע, לויט דאס אויבן-דערמאנטע אז עס איז באשטימט פאר יעדן מענטש וויפיל הנאות ער זאל האבן אין לעבן, און וויפיל פארקערט חלילה, איז אויב מ'האט געגעבן עפעס פאר דעם מענטש און ער האט נאך נישט גענאסן דערפון, ווערט עס גערעכנט ווי ער האט עס נאך נישט באקומען, און דאן גיט מען איהם אן אנדערע זאך וואס איז וויכטיגער ווי דאס פריערדיגע, אפשר וועט ער דערפון יא געניסן. אויב אויך פון דער צווייטער זאך געניסט ער נישט, גיט מען איהם נאך א זאך. דעריבער, וויבאלד רבי האט נישט הנאה געהאט פון דער וועלט אפילו מיט זיין קליינעם פינגער, האט מען איהם געדארפט צוגעבן נאך און נאך, כדי ער זאל הנאה האבן, און אזוי כסדר, וויבאלד ער האט נישט הנאה געהאט, האט מען איהם צוגעגעבן נאך הנאות.

**קומט** אויס פון דעם, אז טאקע דערפאר ווייל רבי האט נישט הנאה געהאט פון דער וועלט, אפילו מיט'ן קלענסטן פינגער, האט ער טאקע זוכה געווען צו די אלע גרויסע מעלות, הנוי, והכוח וכו'.

**ו.** כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל האט מיר דערציילט, אז מיט ארום פערציג יאר צוריק איז ער געווען אמאל אין לאס אנדזשעלעס, און איז איינגעשטאנען אין הויז פונעם זוועהילער רבי'ן, הרה"צ רבי אלעזר אדלער זצ"ל, וואס זיין רביצין איז געווען אן אייניקל (א טאכטער פון א טאכטער) פון הרה"ק רבי שלמה'קע זצ"ל. זי האט געלעבט דריי און ניינציג יאר.

האט זי דערציילט פאר כ"ק אאמו"ר זצ"ל, אז נאך די חתונה איז זי געווען שטארק נישט געזונט ל"ע מיט די ביטערע מחלה רח"ל און די דאקטוירים האבן געזאגט אז זי האט נאר דריי וואכן צום לעבן. ווען זי האט זיך מזכיר געווען פאר רבי שלמה'קען, האט רבי שלמה'קע איר געהייסן טוהן דריי זאכן:

1) אויסטוהן די צירינג אויף צוויי יאר.

2) זי זאל נעמען אויף זיך, נישט צו קושן א קינד.

3) זי זאל נעמען אויף זיך, נישט צו גיין אויף די שמחות פון אירע קינדער.

האט זי דערציילט פאר מיין טאטן זצ"ל, אז זי האט טאקע אויסגעטוהן אירע צירינג צוויי יאר, און זי איז געווען געזונט. נאך צוויי יאר, האט זי אנגעטוהן אירע צירינג, און זי איז שטארק איינגעפאלן רח"ל. איז זי נאך אמאל געגאנגען צום זיידן רבי שלמה'קע, און ער האט איר באפוילן אויסצוטוהן די צירינג אויף נאך צוויי יאר, אבער זי האט געזאגט, אז זעהענדיג אז "הא בהא תליא", האט זי מער נישט אנגעטוהן די צירינג, אלע אירע יארן.

זעלבסט-פארשטענדליך אז זי האט איינגעהאלטן אויך די צווייטע קבלה, נישט צו קושן איר קינד.

וועגן די דריטע קבלה האט זי דערציילט, אז זי האט געהאט איין בת יחידה, און זי איז נישט געגאנגען צו די חתונה פון איר בת יחידה! איר בת יחידה האט געהאט א בן יחיד, און זי האט זיך נישט באטייליגט אין די בר מצוה סעודה פון איר איינציגן אייניקל! זי האט טאקע זוכה געווען צו אריכות ימים, לעבענדיג 93 יאר.

אוודאי בעטן מיר דעם אויבערשטען אז מיר זאלן זוכה זיין צו טאנצן געזונטערהייט ביי אלע שמחות פון אונזערע קינדער, אבער פונדעסטוועגן איז כדאי זיך גוט איינצו'חזר'ן דעם "כלל גדול" וואס רבי שלמה'קע האט דא געלערנט, אז מ'דארף וויסן אז ווען מ'האלט זיך צוריק פון הנאות עולם הזה, איז מען זוכה צו א סאך גוטע ברכות.

מענין זה, האט הגה"ח רבי אלי' ראטה זצ"ל דערציילט, אז א יונגערמאן האט זיך אויסגעוויינט דאס הארץ פאר רבי שלמה'קע, אז ער האט פארלוירן זיין גאלדענעם זייגער (דאס איז געווען אין א צייט ווען אין ירושלים האבן אסאך אידן נישט געהאט אפילו א שטיקל ברויט צו עסן). האט רבי שלמה'קע איהם געפרעגט, צו ער האט לעצטענס געהאט אן "איבערגעריסענע הנאה". האט דער יונגערמאן געענטפערט, אז ער האט געמאכט נייע פירהאנגען אין זיין דירה (ער האט שטארק הנאה געהאט דערפון). האט רבי שלמה'קע איהם געזאגט:

- פארפאלן, דו האסט איבערגעטריבן די מאס ביי די פירהאנגען!...

**תפקדו אותם - יעדער איד איז אַ "דבר שבמנין", וואָס ווערט נישט בטל**

**אין** דער היינטיגער סדרה (א, ב-ג), לייענען מיר אַז דער אויבערשטער האָט באַפוילן פאַר משה רבינו ע"ה, מ'זאָל ציילן די אידן: "שאו את ראש כל עדת בני ישראל וגו' תפקדו אותם לצבאותם". זאָגט רש"י, "מתוך חיבתן לפניו, מונה אותם כל שעה", ווייל די אידן זענען באַליבט ביי דעם אויבערשטען, ציילט ער זיי צו יעדע צייט. ווי אַ מענטש וואָס האָט ליב געוויסע חפצים, און ער ציילט זיי כסדר צו זעהן אויב זיי זענען נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

**זאָגן** די ספרים ("ספר הזכות", להרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, פ' תשא, ועוד), אַז דער תכלית פון ציילן די אידן איז געווען, כדי צו ווייזן פאַר יעדן איינצלנעם איד, אַז ער איז אַ "דבר שבמנין", וואָס ווערט נישט בטל אַפילו צווישן טויזנט אַנטקעגן איהם, און אַז יעדער איד האָט אַ באַזונדערע חשיבות ביים באַשעפער. צוליב דעם ווערט ספר במדבר אָנגערופן "חומש הפקודים", באַטש עס ווערט דערמאָנט אין דעם ספר נאָר צוויי מאָל וועגן ציילן די אידן, ווייל ביי דעם אויבערשטען האָט דאָס ציילן די אידן אַ גרויסע חשיבות.

**דער** "כלי יקר" שרייבט אין דער היינטיגער פרשה (ב, ב) אויפ'ן פסוק "שאו את ראש" וגו', אַז כאָטש רש"י טייטשט עס פון לשון אָפּנעמען אַ חשבון, פונדעסטוועגן זאָגט דער פסוק אַ לשון "שאו" - אויפהייבן - ווייל דער מספר וואָס מ'האָט געציילט די אידן, האָט זיי אויפגעהויבן אַנטקעגן אַלע פעלקער וואָס האָבן נישט אַ פּרטיות'דיגן מספר, פונקט ווי אַ שטרוי וואָס דער באַלעבאָס פונעם פעלד ציילט איהם נישט... אָבער יעדער איד איז מושגח מיט אַ השגחה פרטית פון באַשעפער[ז], און אַפילו איין-איינצלנער איד, איז חשוב ביי דעם אויבערשטען ווי אַ גאַנץ פאָלק. דעריבער האָט דער אויבערשטער זיי געגעבן אַ צאָל אַזוי ווי די שטערן, עכ"ל.

**מיט** דעם, קען מען פאַרשטיין די ווערטער פונעם נביא ירמיה (לא, יד) "רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם על בניה, כי איננו". רחל באַוויינט אירע קינדער, זי וויל זיך נישט לאָזן טרייסטן אויף אירע קינדער, ווייל ער איז נישט דאָ. איז שוועער, דער פסוק הייבט אָן מיט אַ "לשון רבים", "בניה" - אירע קינדער, און ער פירט אויס "בלשון יחיד": "איננו" - ער איז נישט דאָ.

**זאָגן** די בעלי-מוסר, אַז דאָ לערנט אונז דער נביא ווי טייער יעדער איד איז ביי דעם אויבערשטען, ממש ווי אַן "עולם מלא" - אַ גאַנצע וועלט. אויף דעם זאָגט ירמיה הנביא: "רחל מבכה על בניה" - רחל באַוויינט אירע קינדער בכלליות, און "מאנה להנחם על בניה" - זי וויל זיך נישט לאָזן טרייסטן אויף אירע קינדער, אָבער דער צער איז אויף יעדן איינעם בפרטיות, און וועגן דעם רעדט דער נביא מיט אַ לשון יחיד: "כי איננו".

**מענין** זה, זאָגט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל ("דרש משה", לשבועות), אַז דערפאַר האָבן חז"ל מתקן געווען צו לייענען פרשת במדבר פאַר יום טוב שבועות (זעה מגילה לא: און דאָרט, תוספות ד"ה "קללות", אַז מ'לייענט פרשת במדבר פאַר שבועות, כדי איבערצורייסן מיט פרשת במדבר, צווישן די תוכחה אין פרשת בחקותי, און דעם יום טוב שבועות), כדי צו ווייזן אַז פרשת במדבר האָט אַ גרויסע שייכות צום יום טוב שבועות. ווייל פון פרשת במדבר לערנען מיר אַז, יאָ! אויך די האסט א ריזן כח, און קענסט האבן א חלק אין די תורה הק'. און נישט ווי די מענטשן וואָס "לאָזן זיך נאָך" אין לערנען, טראַכטנדיג אַז זיי וועלן שוין סיי-ווי נישט דערגרייכן אַ גרויסע מדריגה אין תורה.

**לויט** דעם זאָגט רבי משה פיינשטיין, אַז דערפאַר זאָגט דער פסוק "שאו", ווייל מיט'ן ציילן ווערט יעדער איד "דערהויבן", ווען ער זעהט אַז ער איז ווערד מ'זאָל

---

**ז.** אַ בין האָט זיך אַמאָל "צעלאָזט" אויפ'ן שטערן פון הרה"צ רבי נח וויינבערג זצ"ל (פאָטער פון סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל "ברכת אברהם" זצ"ל), אָבער רבי נח האָט אַפילו נישט געגעבן אַ ריר צוליב די בין. ווען איינער פון זיינע נאָענטע האָט געוואָלט פאַרטרייבן די בין פון זיין שטערן, האָט רבי נח געזאָגט:

- אויב ס'איז באַשערט פון הימל אַז די בין זאָל מיך בייסן, ווערסטו דאָך סיי-ווי נישט קענען פאַרטרייבן די בין, און אויב עס איז נישט נגזר געוואָרן אַזוי אין הימל, וועט זי מיר ממילא גאָרנישט טוהן... אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרפסטו זיך פלאָגן אומזיסט צו פאַרטרייבן די בין פון דאַנעט...

איהם ציילן מיט'ן זעלבן מספר ווי דער גרעסטער איד.ביידע - דער גרעסטער ווי דער קלענסטער - ווערן געציילט בלויז ווי איין מענטש. ממילא, קען אויך דער קליינער מענטש צוקומען צו אַ הויכע מדריגה. וועגן דעם לייענט מען פרשת במדבר פאַר יום טוב שבועות, ווייל במדבר איז דאָך די פרשה פון ציילונג, וואָס איז פון לשון "נשיאות ראש", צו לערנען אונז, אַז אויף אַזאַ אופן - מיט אַ "נשיאות ראש" - איז מען זוכה מקבל צו זיין די תורה און עס צו לערנען.

**ספּעציעל** איז עס אַזוי, אַז ווען מ'ציילט איז דער מענטש זיך מתבונן און ער זעהט אַז די צאָל ווערט צוגעענדיגט דייקא פון יעדן יחיד, און ווען עס פעלט חלילה אַפילו איין יחיד, פעלט איינער פון דער גאַנצער צאָל. יעדער איד איז אַ טייל פון דער צאָל פון זעקס הונדערט טויזנט אידישע נשמות, און אָן איהם איז נישט מעגליך פאַר'ן כלל מקבל צו זיין די תורה, ווייל אויב עס פעלט אַפילו איינער פון די צאָל, שפּירט מען דעם חסרון אין גאַנצן כלל ישראל[ח].

## חג שבועות

**היו נכונים - הכנה צו קבלת התורה**

**עס** איז באַקאַנט אַז פאַר יעדן דבר שבקדושה, און פאַר יעדן יום טוב, דאַרף מען מאַכן אַ ריכטיגע הכנה פון פריער. ביים יום טוב שבועות, ליגט אָבער אויף אונז אַ דאָפּלטע פליכט צו מאַכן די נויטיגע צוגרייטונגען צום יום טוב שבועות[ט], ווייל דער פסוק זאָגט (שמות יט, יא) "והיו נכונים ליום השלישי", און די ראשונים זאָגן, אַז דער גאַנצער ענין פון ציילן ספירת העומר, איז זיך צו רייניגן און הייליגן אַלס אַ הכנה צום הייליגן טאָג פון קבלת התורה[י].

**אַזוי** שרייבט דער ר"ן ז"ל (פסחים כח. מדפי הרי"ף) אַז חז"ל זאָגן, אַז ווען משה רבינו ע"ה האָט געזאָגט צו די אידן אַז זיי וועלן דינען דעם אויבערשטען ביים נעמען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, האָבן די אידן געזאָגט, משה אונזער רבי, ווען הייבט זיך אָן די דאָזיגע עבודה?

---

**ח.** אויך ביי אַ ספר תורה איז דער דין, אַז אויב עס פעלט אַפילו איין אות פון דער גאַנצער תורה, איז די ספר תורה פסול. זעהט מען פון דעם, אַז נאָר דורך דעם צירוף פון אַלע זעקס הונדערט טויזנט אידן ווערט כלל ישראל אַ "קומה שלימה". ממילא טאָר מען נישט פאַלן ביי זיך ח"ו, נאָר מ'דאַרף וויסן אַז דער אויבערשטער האָט "מיך" אויסגעקליבן מקבל צו זיין די תורה אויפ'ן באַרג סיני, און ער וויל אַז איך זאָל איהם דינען...

**ט.** דער מגיד מישרים פון ירושלים, הגה"צ רבי שלום שוואַדראָן זצ"ל, האָט געזאָגט אַ משל, אַ איד גייט אויף דער גאַס זיבן אָדער אַכט מינוט פאַר דעם סוף זמן תפילת מנחה, און פּלוצלינג שרייט ער אויס מיט ציטערניש: "אוי, איך האָב דאָך נאָך נישט געדאַווענט מנחה". ער לויפט שנעל צו די "שטיבלעך" אין ירושלים, און ער "כאַפּט אָפּ" מנחה מיט אַ שנעלקייט, אַזוי ווי עס זעהט אויס אַ מנחה ווען מ'איז נישט קאָנצענטרירט אין די געדאַנקען... האָט זיין שותף איהם געזאָגט, "איך בין געווען זיכער, אַז אויב דער 'אוי' איז אַזוי גרויס, ווער ווייסט ווי אַזוי עס וועט שוין אויסזעהן דער מנחה אַליין... אָבער למעשה, איז דער 'אוי' פאַר מנחה געווען אַ סאַך שטאַרקער ווי דער מנחה אַליין פאַר וועלכן דו האָסט אַזוי געקרעכצט...".

דער נמשל איז: אידן גרייטן זיך 49 טעג צו מתן תורה מיט אַ גרויסע הכנה. מ'רופט אויס יעדן טאָג: "היום ... לעומר", וואָלט דאָך דער יום טוב שבועות געדאַרפט זיין "אַזוינס און אַזעלכעס...", און נישט ווי יענער מענטש וואָס ציטערט אויף צו די מצוה, און ווען "שהחיינו וקימנו לזמן הזה" - מיר האַלטן שוין ביים יום טוב, איז "הילד איננו", ער איז נישט דאָ...

**י.** מ'דערציילט בדרך צחות, אין די פריערדיגע צייטן איז געווען איינגעפירט, אַז מ'האָט אַוועקגעשטעלט אונטער די חופה צוויי בעכערס פול מיט גאָלדענע מטבעות, אַלס אַ גוטער סימן אַז חתן-כלה זאָלן זוכה זיין צו בויען זייער היים מתוך שפע פרנסה בהרחבה, און דאָס רייכטום זאָל זיך קיינמאָל נישט אָפּטוהן פון זייער היים. די יעניגע חתנים וואָס זייער פאָטער איז געווען רייך, פלעגן ברענגען צו דער חופה אייגענע מטבעות, אָבער די אָרימע חתנים פלעגן זיך פירן צו באָרגן פון די רייכע לייט די מטבעות, "בלויז פאַר איין נאַכט"... און צומאָרגנס האָבן זיי עס צוריקגעגעבן.

האָט משה געענטפערט: "ביים סוף פון פופציג טעג", און די אידן האָבן געציילט יעדער איינער פאַר זיך. פון דאָ האָבן די חכמים באַשטימט צו ציילן ספירת העומר, דאָס הייסט, היינט ווען מיר זענען נישט מקריב אַ קרבן, און נישט דעם עומר, רעכנט מען 50 טעג צו די שמחה פון די תורה, אַזוי ווי די אידן האָבן געציילט אין יענע צייט, עכ"ל.

**ביי** אַלע ימים טובים, האָט די תורה געזאָגט אַ געוויע צייט ווען עס פאַלט אויס, "ובחמשה עשר", וכדומה, אָבער ביי שבועות זאָגט נישט די תורה אַ צייט און אַ טאָג אין יאָר ווען עס איז דער יום טוב. די תורה זאָגט נאָר, "וספרתם לכם ממחרת השבת וגו' תספרו חמשים יום, והקרבתם מנחה חדשה לה'".

**אויך** אין דער גמרא (ר"ה ו:) געפינען מיר, רב שמעיה זאָגט, שבועות איז אַמאָל אינעם פינפטן טאָג אין חודש סיון, אַמאָל איז עס אין זעקסטן טאָג פון חודש, און אַמאָל אין זיבעטן טאָג[א]. דאָס איז אַ רמז, אַז קבלת התורה ווענדעט זיך נישט אין אַ געוויסן טאָג פון חודש, נאָר וויבאַלד אידן ענדיגן זייערע הכנות צו קבלת התורה מיט'ן ציילן פופציג טעג, קענען זיי נעמען די תורה מיטביידע הענט פון באַשעפער ברוך הוא[ב].

**דער** הייליגער "קדושת לוי" זי"ע זאָגט (יתרו, ד"ה "ומשה עלה"), אַז אויב דער מענטש האָט די זכיה, הערט ער יעדעס יאָר שבועות, דעם קול וואָס רופט אויס 'אנכי ה' אלקיך' ("שומע בכל חג השבועות את הקול שמכריזין אנכי ה' אלקיך"). קומט אויס, וויפיל דאַרף דער מענטש

---

איז אָבער געווען אין אַ שטאָט אַ קאַרגער גביר, און ווען איינער האָט דאָרט געדאַרפט חתונה האָבן, האָט ער געוואוסט אַז ער קען נישט ערוואַרטן צו האָבן צוויי פולע בעכערס ביי דער חופה, ווייל פון דעם קאַרגן עושר וועט ער נישט באַקומען אַ הלוואה פון צוויי פולע בעכערס מיט גאָלדענע מטבעות, האָט ער אַלזאָ געבעטן פונעם גביר איין בעכער, מיט'ן פלאַן אַוועקצושטעלן אַ "שפיגל" ביי דער חופה, און ממילא, וועט עס אויסזעהן ווי מ'האָט געלייגט צוויי בעכערס... האָט דער רייכער מאַן איהם געזאָגט: די סיבה פאַרוואָס מ'לייגט אַוועק די בעכערס איז דאָך נאָר "לסימנא טבא", אַלס אַ גוטער סימן פאַר אַ גוטן מזל, איז דאָך נאָך אַ בעסערער סימן, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן... און דאָס וואָס דו האָסט מורא פאַר די בזיונות, אַז מענטשן וועלן זעהן בשעת די חופה אַז דו האָסט זיך נישט געפירט ווי דער מנהג המקום, צוליב דיין אָרימקייט, איז דו זאָגסט דאָך אַז דו דאַרפסט נאָר איין בעכער, זעהט מען דאָך פון דעם אַז איין בעכער האָסטו שוין, און דו דאַרפסט נישט מער ווי אַ צווייטן בעכער. איז דעריבער מיין עצה, דו זאָלסט אַוועקשטעלן אַ שפיגל אַנטקעגנאיבער דעם בעכער וואָס דו האָסט שוין...". האָט דער חתן געענטפערט פאַר דעם גביר: "וואָס זאָל איך טוהן, אַז איך האָב נאָר דעם שפיגל"...

לעניננו, דער לימוד פון דעם "ווערטל" איז, שבועות איז דער "שפיגל" פון די הכנה וואָס מ'האָט פריער געמאַכט. אין דעם הייליגן יום טוב "שפיגלען זיך אָפּ" אַלע צוגרייטונגען וואָס מ'האָט געמאַכט פון פריער, און פונקט ווי דער נאָמען פונעם יום טוב, "שבועות", ווייזט אַז ער איז "געבויט" פון די וואָכן וואָס זענען געווען ביז אהער (פון פסח ביז יעצט), און דער וואָס האָט זיך צוגעגרייט פאַר יום טוב, איז ווען עס קומט שבועות שיינען אויף איהם אַלע הכנות מיט אַ טייערן און לעכטיגן שיין, אָבער דער וואָס האָט גאָרנישט געטוהן צו גרייטן זיך צום יום טוב, איז ווען עס וועט קומען דער יום טוב, וועט ער נישט זעהן קיין לעכטיגקייט.

**יא.** ווען די חדשים ניסן און אייר זענען פולע חדשים (30 טעג), איז שבועות דעם פינפטן טאָג פון חודש סיון. ווען ביידע זענען "חסרים" (29 טעג), איז שבועות דעם זיבעטן טאָג פון חודש סיון. אויב איין חודש (ניסן אָדער אייר) איז "מלא", און דער צווייטער איז "חסר", דאַן איז שבועות דעם זעקסטן טאָג פון חודש סיון, ווייל דער יום טוב שבועות איז אין פופציגסטן טאָג פון יום טוב פסח).

**יב.** וועט דער מענטש זאָגן: עס זענען שוין אַדורכגעגאַנגען רוב טעג פון ספירה, און "לב יודע מרת נפשו", איך ווייס דאָך גאַנץ גוט מיט וואָס איך האָב פאַרברענגט מיינע טעג, און מיט וואָס כ'בין געווען פאַרנומען... אויב אַזוי, וועט ער טראַכטן אַז ער האָט נישט חלילה קיין האָפענונג צו קענען נעמען די תורה דאָס יאָר, נאָר אפשר דעם קומענדיגן יאָר בל"נ, אויב ער וועט זיך יאָ פירן ווי געהעריג...

איז דער תירוץ אויף דעם, אַז דאָס איז באמת אַ טעות, ווייל ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און האָבן געציילט פופציג טעג אַלס אַ הכנה צו קבלת התורה, האָבן זיי דאָך אין די פופציג טעג, געהאַט מערערע ירידות און דורכפאַלן ברוחניות, ווען זיי זענען געקומען אין אילם און האָבן דאָרט נישט געהאַט וואַסער, האָבן זיי זיך געקריגט

זיך גרייטן מיט גרויסע הכנות[ג], אַז ער זאָל זוכה זיין צו הערן די ווערטער פון דעם אויבערשטען, וואָס אַזוי פיל צענדליגער טויזנטער מלאכים און שרפים כאַפּט זיי אָן אַ ציטערניש פאַר דעם באַשעפער ברוך הוא. איז דאָך אַוודאי געוויס, ביי אונז, מענטשן, אַז עס איז נישט גענוג פופציג טעג (הכנה צו מתן תורה), און אַפילו אויב דער מענטש וועט זיך צוגרייטן אַ גאַנץ יאָר, וועט עס נישט זיין גענוג, עכל"ק.

אַזוי האָט אויך געזאָגט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע ("רמתים צופים", אות פה, בתנדב"א רבה פ"ב) אַז אַוודאי איז מעגליך אויך היינט צו הערן (ווי דער אויבערשטער זאָגט "אנכי ה' אלקיך" אין יום טוב שבועות), נאָר מ'דאַרף זיך קודם גוט אויסוואַשן און אויסשווענקען די אויערן פון יעדן שמוץ, און דאַן קען דער מענטש זוכה זיין צו הערן מיט זיינע אויערן דאָס קול פון דעם אויבערשטען[ד].

---

מיט משה, און אין רפידים, "ויבוא עמלק", איז עמלק געקומען און מלחמה געהאַלטן מיט זיי, און פונדעסטוועגן, איז פאר זיי נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן אַז זיי האָבן חלילה נישט קיין האָפענונג. זיי האָבן אַפילו נישט אָנגעהויבן ציילן פונדאָסניי, נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ געציילט יעדער איינער פאַר זיך, און זיי האָבן פאַרגעזעצט יעדער איינער מיט זיין עבודה צו ציילן טאָג טעגליך, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט און זיי שטייען נאָך אין זייער פריערדיגע הויכע מדריגה , און אין דעם שכר, האָבן זיי זוכה געווען צו באַקומען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, ווייל אָט דאָס איז די בעסטע הכנה צו קבלת התורה, אַוועקצולייגן דעם עבר, און שטאַרקן זיך אויף דעם עתיד, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש ח"ו.

דער פריערדיגער בעלזער רב, הרה"ק מהרי"ד זי"ע, האָט דערציילט, אַ איד וואָס האָט קיינמאָל נישט געלערנט, איז אַריינגעקומען אין שול אין די "שלשת ימי הגבלה", און זעהענדיג ווי דער גאַנצער עולם לערנט מיט אַ "ריתחא דאורייתא", האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין איבער זיין מצב, אַז ער האָט נישט זוכה געווען צו זיצן און לערנען אין בית המדרש אַזוי ווי די אַנדערע אידן. "ער איז אָבער נישט געבליבן מיט'ן וויינען", נאָר ער איז באַלד צוגעגאַנגען צו די ספרים שאַנק, ער האָט אַרויסגענומען אַ גמרא און אָנגעהויבן לערנען מיט אַן אויסערגעוועגליכע התמדה, און פון דאַן און ווייטער, האָט ער געלערנט און געלערנט... ער האָט נישט אָפּגעלאָזט דאָס לערנען ביז ער איז געוואָרן איינער פון די גאוני הדור, "און זיין ספר ליגט היינט ביי מיר אין שטוב"...

האָבן חסידים צוגעלייגט צו די ווערטער פון בעלזער רב, אַז אין דער ספרים-שאַנק ביי זיין הייליגן טאַטן, דער מיטעלער רב הרה"ק רבי יהושעל'ע זי"ע, איז געווען אַ ספּעציעלער אָרט וואו עס זענען געלעגן די ספרים וואָס עס האָבן מחבר געווען "בעלי רוח הקודש", און דער ספר פון דעם דערמאנטן "געוועזענעם עם הארץ", וואָס איז, ווי געזאָגט, געוואָרן שפּעטער איינער פון די גרעסטע גאוני הדור, איז אויך געלעגן אין יענע שאַנק.

זעהען מיר פון די מעשה, אַז יעדער איינער האָט אַ האָפענונג צו קענען דערנענטערט ווערן צו די תורה און צום באַשעפער דער נותן התורה, און מיר לערנען דערפון אויך וועגן די סגולה פון די דאָזיגע טעג, אַז עס עפענען זיך אין זיי די טויערן פון סייעתא דשמיא פאַר דעם וואָס גליסט זוכה צו זיין צו די כתר פון תורה, און "כל הרוצה ליטול, יבוא ויטול".

**יג.** "נאים הדברים למי שאמרם"... עס איז באַקאַנט, אַז ווען דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע האָט אַרויסגענומען די ספר תורה פון ארון הקודש אין יום טוב שבועות, האָט זיין גאַנצער קערפּער געשוויצט פון גרויס פּחד, און מ'האָט געדאַרפט אַרומוויקלען די ספר תורה מיט זייד, אַז דאָס מענטל און דער פּאַרמעט זאָלן נישט נאַס ווערן פון דעם הייליגן שווייס וואָס האָט גערינען פון איהם.

אויך איז באַקאַנט, אַז איינמאָל שבועות, איידער דער "קדושת לוי" איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט ער געזאָגט: "איך גיי זיך זעהן מיט'ן לעבעדיגן" (דעם "חי העולמים"...). לויט אַן אַנדערן נוסח, האָט ער געזאָגט נאָכ'ן דאַווענען: "איך האָב געזעהן דעם לעבעדיגן"... אַלענפאַלס, איז זיין כוונה געווען אַז ער האָט זוכה געווען צו די זעלבע התגלות השכינה צו וועלכע אידן האָבן זוכה געווען ביים מעמד הר סיני, און צו הערן די עשרת הדברות פון באַשעפער אַליין, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ה, כא) "היום הזה ראינו כי ידבר אלוקים את האדם וחי".

**יד.** הרה"ק מסאטמאר זי"ע, האָט געזאָגט, אידישע קינדער האָבן געזאָגט "נעשה ונשמע" ביי קבלת התורה. דערמיט האָבן זיי געמיינט מרמז צו זיין, אַז אויב דער מענטש לייגט אַריין זיין חלק אין "נעשה" - דורך האָרעוואַניע זיך צוצוגרייטן ווי געהעריג, איז ער זוכה צו "נשמע" - צו הערן ווי דער אויבערשטער רופט אויס צו איהם: "אנכי ה' אלקיך".

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער חיד"א ז"ל ("לב דוד", פל"א), אין נאָמען פון "בעל המכתם", אַז אין די ספירה-טעג, ווען די אידן האָבן זיך געגרייט אין מדבר צו מתן תורה, האָט מען זיי איבערגעגעבן סודות התורה און וואונדערליכע ענינים, וואָס זענען באַקאַנט נאָר פאַר יחידי סגולה.

**לויט** דעם, טייטשט דער חיד"א די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה של פסח "אילו קרבנו לפני הר סיני, ולא נתן לנו את התורה דיינו". דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַראַ תועלת וואָלטן מיר געהאַט דורכ'ן ווערן דערנענטערט צום באַרג סיני, אויב מיר וואָלטן נישט באַקומען דאָרט די תורה? זאָגט דער חיד"א, אַז עס מוז זיין אַז ווען די אידן האָבן זיך געגרייט מיט אַ הכנה צו קבלת התורה, האָבן זיי משיג געווען גרויסע זאַכן, ווייל די הכנה צו אַ מצוה האָט אַ גרויסע מעלה. וועגן דעם דאַרף יעדער איד זיך מעורר זיין פאַר יום טוב שבועות צו מאַכן די ריכטיגע הכנה, און ס'איז קיין ספק נישט, אַז עס וועט זיין אַ סגולה פאַר איהם, מער ווי אין אַנדערע טעג.

**דער** "אור החיים" הקדוש שרייבט ביי די פרשה פון מתן תורה (שמות יט, ג) "ומשה עלה אל האלקים וגו' ויקרא אליו ה' מן ההר לאמור", אַז די בחינה פון קדושה קען נאָר אָנקומען, צו דעם מענטש וואָס האָט איר באַשטעלט, עכ"ל. דעריבער, נאָך דעם ווי משה איז אַרויף צום באַשעפער און ער האָט געמאַכט אַ הכנה פון זיין זייט, האָט ער זוכה געווען אַז דער אויבערשטער האָט גערופן צו איהם פונעם באַרג.

**איז** דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך משה רבינו ע"ה, וואָס ער איז געווען "מחציתו אלקים" (אַ האַלב פון זיין קערפּער איז געווען "ג-טליכקייט"), האָט ער געדאַרפט טוהן אַ מעשה כדי ער זאָל זוכה זיין צו התגלות אלקית, איז דאָך אַוודאי מיר, פשוט'ע מענטשן, דאַרפן אַוודאי מאַכן אַ הכנה, ווייל עס איז נישט מעגליך אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו געניסן פון די לעכטיגקייט פונעם יום טוב, נאָר אויב מיר גרייטן זיך ווי געהעריג מיט אַ "הכנה דרבה"[טו], איידער עס קומט אָן דער הייליגער טאָג פון יום טוב שבועות[טז].

**ביום הזה באו מדבר סיני - די הייליגע טעג קודם קבלת התורה**

**עס** איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז וואָס מער מען דערנענטערט זיך צום יום טוב שבועות, דאַרף מען פאַרמערן צו מאַכן אַ הכנה און ריינינן דאָס נפש, צוליב

---

**טו.** דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ מענטש וואָס פאַרקויפט אויל, קומט אין שטאָט אַריין מיט גרויסע פעסער צו פאַרקויפן פאַר די שטאָט-לייט גוטע אויל. דער אויל-סוחר וויל דאָך פאַרקויפן אַלעס וואָס ער האָט געברענגט, אָבער למעשה, קען ער געבן פאַר די שטאָט-לייט נאָר לוי די "כלים" וואָס יעדער איינער פון זיי האָט מיטגעברענגט... דער נמשל איז פאַרשטענדליך: דער אויבערשטער וויל אונז געבן אַ גרויסע שפע, אָבער למעשה, וועט ער אונז געבן נאָר לויט די גרויס פון די "כלים" וואָס מיר האָבן צוגעגרייט צו נעמען די שפע.

**טז.** מ'דערציילט, אַ איד איז געקומען קיין ארץ ישראל מיט זיין משפחה, און באַלד ביים אָנקומען אין הייליגן לאַנד, האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער די ערד, און עס געקושט. שפּעטער האָט ער באַגעגנט אַ פּעדלער וואָס האָט פאַרקויפט מילגרוימען. האָבן די בני בית זיך געפרייט צו עסן פון די פרוכט פון הייליגן לאַנד. דער פאָטער האָט געקויפט איין מילגרוים (נישט וויסענדיג וואס דאס איז), עס אָפּגעשיילט און אויפגעגעסן די שאָלעכטס, אַזוי ווי ביי די אַנדערע פרוכט וואָס מ'וואַרפט אַוועק די קערנדלעך, און די גאַנצע משפחה האָט זיך איינגעהאַלטן פון רעדן שלעכטס אויף די "פירות ארץ ישראל"... ביז זיי האָבן אויסגעפונען דעם "סוד", אַז מ'דאַרף וויסן ווי אַזוי מ'עסט די פרוכט פון ארץ ישראל...

דער נמשל איז, מיר גייען אַריין אין געהויבענע זמנים, אָבער מיר דאַרפן וויסן ווי אַזוי "מ'עסט עס"... אויפצונעמען דעם יום טוב ווי דארף צו זיין, און וואָס מ'דאַרף טוהן אַז מ'זאָל קענען אָנפילן די אוצרות פון אַ גרויסע שפע פון די אורות פונעם יום טוב, און פאַר דעם צוועק, פאָדערט זיך פונעם מענטש צו מאַכן די פאַסיגע הכנה צום יום טוב.

אין די יאָרן פאַר דער ביטערער מלחמה, האָבן אידן אַוועקגעלייגט אַלע געשעפטן און זיך געזעצט לערנען אין די טעג פאַר יום טוב שבועות. די זקני ירושלים האָבן עדות געזאָגט, אַז פאַר זיבעציג יאָר צוריק, פלעגן די

דעם הויבן זמן וואָס ברענט אַזוי ווי אַ פייער, ווי דער "רבינו בחיי" שרייבט (שמות ג, י) אויפ'ן פסוק "ועתה לכה ואשלחך אל פרעה והוצא את עמי בני ישראל ממצרים". לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן "לך", און נישט "לכה".

**זאָגט** דער "רבינו בחיי", אַז די איבעריגע ה"א קומט אונז צו לערנען אויף די פינף טעג וואָס זענען געווען אָנגעגרייט פאַר די אידן צו רוען אויפ'ן באַרג סיני, פון ראש חודש סיון ביז דעם זעקסטן טאָג פון סיון ווען די אידן האָבן גענומען די תורה. און אויף דעם זאָגט דער פסוק: "וזה לך האות" - מיט אַן איבעריגן אות ה"א, וואָס איז די צאָל פינף. זאָגט דער פסוק: "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלוקים על ההר הזה", איר וועט דינען דעם אויבערשטען מיט אַ הכנה פינף טעג, און אין זעקסטן טאָג (פון חודש) וועט איר באַקומען די תורה, עכ"ל.

**דאָס** איז נישט סתם "דברי אגדה", נאָר דאָס איז דער פשוט'ער פשט אין פסוק, און אוודאי געווים ווען עס קומען אָן די שלשה ימי הגבלה, אויף וועלכע דער פסוק זאָגט (שמות יט, טו) "היו נכונים לשלושת ימים", דאַרף דאָס ברענען ביי יעדעם איינעם ווי אַ קעסיל פון הייסע וואַסער...

**מורא'דיגע** ווערטער[יז], שרייבט דער "אור החיים" הקדוש (שמות יט, ב) וועגן די גרויסע נאָענטקייט און ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער, וואָס ווערט אַנטפּלעקט אין די דאָזיגע טעג.

**ער** שרייבט: "ויסעו מרפידים", פאַרוואָס האָט די תורה געשטעלט דעם פסוק וועגן זייער זיך אַוועקציען פון רפידים, נאָך דעם פסוק "ביום הזה באו מדבר סיני". עס וואָלט קודם געדאַרפט שטיין אַז זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון רפידים, און דערנאָך אַז זיי זענען אַנגעקומען אין מדבר סיני, ווייל זיי זענען דאָך אָנגעקומען אין מדבר סיני, נאָך דעם ווי זיי זענען אַוועקגעפאָרן פון רפידים?

**ענטפערט** דער "אור החיים", ווייל די חז"ל זאָגן (ב"ר פנ"ה, ח) "אהבה מקלקלת השורה", די ליבשאַפט מאַכט אַז מען זאָל אַמאָל מקדים זיין דאָס וואָס וואָלט געדאַרפט זיין שפּעטער. ("שלהיות כי הוא יום זה המקווה לבורא, לתורה, לעולם, לעליונים ותחתונים") ווייבאַלד עס איז געווען דער טאָג וואָס דער באַשעפער, די תורה, די וועלט, די אויבערשטע און אונטערשטע באַשעפענישן האָבן אַרויסגעקוקט דערויף, און פונעם טאָג פון דער בריאה זיצן זיי און קוקן אַרויס ווען וועלן די אידן אָנקומען אין מדבר סיני, דעריבער, ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהין, האָט מען (דער אויבערשטער ברוך הוא) זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון דערציילן דעם סדר... דעריבער זאָגט ער קודם אַז זיי זענען שוין אָנגעקומען אין מדבר סיני... דער גענליסטער (די אידן) איז אָנגעקומען צום גליסטער (דער באַשעפער)... "וישמחו שמים וארץ" - און הימל און ערד האָבן זיך געפרייט, "כי הוא תכלית הבריאה ותקוותה" - ווייל דאָס (קבלת התורה ביים באַרג סיני) איז דער תכלית פון די בריאה און איר האָפענונג, און דערנאָך זעצט-פאָר דער פסוק צו דערציילן דעם סדר פון די זאַכן, עכ"ל.

**און** ווייבאַלד יעדעם יאָר ווערט נאָך אַמאָל נתעורר דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן אין יענע טעג, קומט דאָך אויס, אַז אויך די גרויסע

---

געשעפטלייט פאַרמאַכן זייערע געשעפטן אין די "שלשת ימי הגבלה", און זענען געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה אין די שולן. אויך פאַר אונזער דור קען מען זאָגן, אַז הלוואי זאָלן אַלע בחורים און יונגעלייט פאַרשפּאַרן אַלע זייערע "געשעפטן" אין די טעג, און עוסק זיין אין דער הייליגער תורה מיט התמדה.

אַזוי האָט מען דערציילט, אַז אין פוילן פאַר דער מלחמה, איז צוויי וואָכן פאַר שבועות, שוין נישט געווען פּלאַץ אין די שולן, ווייל אַלע בתי מדרשים זענען געווען איבערגעפילט מיט אידן וואָס זענען געקומען לערנען.

דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין די "שלשת ימי הגבלה" אין זיין בית המדרש אין ירושלים, און זיך אָנגערופן: "וואו זענען די אידן פון דער היים (אין פוילן) וואָס האָבן געפלאַקערט ווי אַ קאַלך-אויוון אין די 'שלשת ימי הגבלה'?...".

**יז.** צדיקים האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיגע ווערטער פונעם "אור החיים" הקדוש זענען אַזוי פלאַקערדיג, אַז עס איז אַ וואונדער אַז די בלעטער (פונעם כתב יד) זענען נישט פאַרברענט געוואָרן פון דעם גרויסן פייער...

שמחה און ליבשאַפט ווערט ווייטער נתעורר אין די איצטיגע טעג בפועל ממש.

**פון** דעם אַלעם קומט אויס, אַז נישט נאָר די קבלת התורה אין יום טוב שבועות ווערט באַנייט יעדעס יאָר, נאָר אויך די גאַנצע "באַשעפטיגונג" אַרום דעם מעמד הר סיני, און די התעוררות פון קדושה וואָס איז געווען פון ראש חודש סיון, שיינט אויך אויף יעדעס יאָר פונדאָסניי.

**אַזוי** זאָגט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע ("עבודת ישראל", שבועות, ד"ה "ביום הזה באו מדבר סיני"), **אַז** באמת יעדעס יאָר, אייביג ("כל ימי עולם") ווערט נתגלה די זעלבע וואָס איז געווען דעמאָלס. צום ביישפּיל, אין די טעג פון פּסח, וואָס די אידן זענען דעמאָלס אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זענען יעדעס יאָר פּסח, דאָ "נפשות מישראל שיוצאים ממצרים" - אידישע נשמות וואָס "גייען אַרויס פון "מצרים". אויך אין דעם חודש -סיון, וויבאַלד זיי האָבן זיך דערנענטערט צום באַרג סיני, איז אויך אַנטפּלעקט געוואָרן אַז זיי זאָלן זיך קענען דערנענטערן צו דעם אויבערשטען, און נעמען די תורה און זיך דערנענטערן צום באַרג סיני וכו' ("וגם בחודש הזה, כיון שקרבו לפני הר סיני, נתגלה גם כן שיוכלו לקרב את עצמן להקדוש ברוך הוא ולקבל התורה, ולקרב עצמן לפני הר סיני").

**ער** פירט אויס, אַז דערפאַר דאַרף יעדער מענטש, ווען עס קומט ראש חודש סיון ביז יום טוב שבועות, לייענען דעם זעלבן "עסק התורה", און ממשיך זיין אויף זיך די קדושה וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין דאָזיגן טאָג, עכ"ל.

**אַזוי** שרייבט אויך הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע ("פרי צדיק", לראש חודש סיון, אות ב) **אַז** אין דעם טאָג ווען זיי זענען אָנגעקומען אין מדבר סיני, האָבן זיי באַקומען גרויס חשק צו נעמען די תורה. און אויך יעצט, נאָך דעם ווי די תורה איז שוין געגעבן געוואָרן, פונדעסטוועגן, יעדעס יאָר ווען עס קומט דער טאָג (פון קבלת התורה) דאַרף מען שפּירן אין האַרץ דעם באַנייטן חשק צו קבלת התורה, און דורך דעם וועלן די ווערטער פון דער תורה איינגעשלינגען ווערן אין זייערע הערצער, און זיי וועלן שפּירן דעם טעם פון די תורה, ע"כ[יח].

**ממילא**, דאַרף יעדער איינער זעהן נישט צו בלייבן גלייכגילטיג, און נישט צוגיין צום יום טוב

**יח.** עס איז באַקאַנט אַז דער צווייטער טאָג פון חודש סיון, ווערט אָנגערופן "יום המיוחס", וואָס בפשטות איז דער טעם דערפון, ווייל יענעם טאָג האָט דער אויבערשטער געזאָגט "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (שמות יט, ו), דאָס הייסט, אַז יעדעס יאָר איז דער אויבערשטער "מייחס" די אידן און ער הייבט זיי אויף, און הייליגט זיי צו ווערן פאַר איהם אַ "ממלכת כהנים" און אַ הייליג פאָלק.

אויך געפינט מען להלכה (שו"ע או"ח סי' תצד, רמ"א ס"ג) אַז מ'זאָגט נישט תחנון פון ראש חודש סיון ביז יום טוב שבועות, זאָגן די פּוסקים (דער "מגן אברהם", און דער "משנה ברורה") אַז דאָס איז דערפאַר ווייל אין צווייטן טאָג פון חודש סיון האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה אַז ער זאָל זיי הייליגן צו די תורה, און דערנאָך פאַנגען זיך אָן די דריי טעג פון הגבלה, זעהט מען אַז דער ענין גייט אן ביז'ן היינטיגן טאָג, און אין אַלע דורות טוט דער אויבערשטער הייליגן אידישע קינדער אין די יעצטיגע טעג.

דער "ערוך השלחן" (סי' תצד ס"ז) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט אָנגערופן "יום המיוחס", ווייל יום כיפּור פאַלט אייביג אויס אין דעם טאָג ווען עס איז דער "יום המיוחס" (דער צווייטער טאָג פון חודש סיון), און דאָס איז דער יחוס פון דעם טאָג, אַז ער איז מכוון אַנטקעגן יום כיפּור.

קען מען זאָגן אַ טיפערע כוונה אין דעם, ווייל נאָך דעם ווי דער מענטש איז זוכה צו טהרת הנפש, זאָגט איהם דער אויבערשטער: "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים", און פּונקט ווי עס איז דאָ מחילת עוונות אין יום כיפּור, אַזוי איז דער אויבערשטער מוחל די עבירות פון אידישע קינדער אין חודש סיון, ווען ער ווילט אויס די אידן יעדעס יאָר צו זיין פאַר איהם אַ "ממלכת כהנים וגוי קדוש".

דער הייליגער צאַנזער רב, בעל "דברי חיים" זי"ע, האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ "בנן של קדושים" באַרימט זיך מיט זיין גרויסן יחוס, אָבער זיינע מעשים שטימען נישט מיט דעם "יחוס" מיט וועלכן ער באַרימט זיך. האָט דער צאַנזער רב איהם געזאָגט, אַז "יום המיוחס" איז אייביג פאַר מתן תורה, צו ווייזן פאַר אַלע דורות, אַז די גאַנצע חשיבות פון די יחסנים איז נאָר "פאַר מתן תורה"... אָבער נאָך דעם ווי די אידן האָבן שוין מקבל געווען די תורה,

שבועות "פאַרשלאָפענערהייט"[יט], ווייל אַלע וועלטן רוישן דאָך אין צוגרייטונג צום גרויסן געהויבענעם טאָג הבא עלינו לטובה[כ], און ווי אַזוי איז מעגלעך אַז דער מענטש זאָל נישט נתעורר ווערן צוצולייגן זיינע אויגן און זיין האַרץ צו די קדושה פונעם יום טוב, און זיך אויפהייבן העכער פון אַלע נאַרישקייטן פון דער וועלט[כא]? און פאַרשטייט זיך אויך צו זיך מתבונן זיין, וואו גייט מען דאָ אַריינגיין, און וואָס דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון אונז אין אַזאַ געהויבענע צייט.

---

איז נישט דאָ אַ גרעסערער "יחסן" ווי דער וואָס לערנט תורה, און ער נעמט אויף דעם דעם עול תורה, "כשור לעול וכחמור למשא".

**יט.** ווען הרה"ק מסאטמאר זי"ע האָט באַזוכט ארץ ישראל, האָט ער אַמאָל פאַרהערט די קינדער אין די תלמוד תורה "עץ חיים" אין ירושלים. ביים פאַרהער, האָט ער געפרעגט איינע פון די קינדער אין חדר, וואָס ס'איז דער טייטש פון דעם פסוק אין פרשת במדבר, ביי די מנחות אין מדבר (במדבר ב, טז) "ושנים יסעו". האָט דאָס קינד געענטפערט: "די יאָרן פאָרן...". האָט דער רבי זי"ע איהם געזאָגט: "באמת, קומט דיר אַ 'פסק' פאַר'ן נישט וויסן צו ענטפערן דעם טייטש פון וואָרט, אָבער פאַר מיר, איז כדאי געווען די גאַנצע נסיעה פון אַמעריקע ביז אַהער, כדי צו הערן אַזאַ גוטן "מוסר", אַז "די יאָרן לויפן"...

**כ.** הרה"ק מסאטמאר זי"ע האָט געזאָגט ("דברי יואל", שבועות, ע' קכז) אויף די ווערטער פון מדרש (ילקוט ישעיה, שצא) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער ברענגען די בערג תבור און כרמל, כדי צו בויען אויף זיי דעם בית המקדש. זיי וועלן זוכה זיין דערצו אַלס א שכר פאַר די השתוקקות און דעם רצון וואָס זיי האָבן געהאַט ווען זיי האָבן געוואָלט אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן אויף זיי (ב"ר פצ"ט, א). זאָגט דער סאַטמאַרער רב, איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך אַ באַרג, וואָס איז נישט מער ווי א "דומם", איז זוכה צו גרויסקייט (אַז דער בית המקדש זאָל אויף איהם געבויט ווערן), איז דאָך אַוודאי אַז אַ מענטש קען אַוודאי געוויס זוכה זיין צו הויכע מדריגות, אויב ער וועט זיך נאָר משתוקק זיין און ער וועט וועלן מקבל זיין די תורה.

אַזוי טייטשט דער טריסקער מגיד זי"ע ("מגן אברהם", במדבר, ד"ה "וידבר") די ווערטער פון רש"י ז"ל אָנהייב פרשת במדבר, "מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה", וואָס דער פשוט'ער טייטש פון רש"י'ס ווערטער איז, אַז צוליב די ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר די אידן, ציילט ער זיי אין יעדע צייט. אָבער דער טריסקער מגיד טייטשט, "שעה" פון לשון "ווענדונג" [ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ד, ה) "ואל קין ואל מנחתו לא שעה", זאָגט רש"י: "לא פנה"]. רש"י לערנט אונז, אַז ביי דעם אויבערשטען איז באַליבט יעדע ווענדונג וואָס אַ איד ווענדעט זיך צו איהם מיט'ן גאַנצן האַרץ, און דאַן איז דער אויבערשטער משפיע אַלע גוטע השפעות און ברכות אויף אַלע אידן בכלל ובפרט, ברוחניות ובגשמיות, בני חיי ומזוני רויחי, במהרה בימינו אמן.

דער טריסקער מגיד לייגט צו: די ראשי תיבות פון די ווערטער "מתוך חיבתן לפניו" זענען בגימטריא 78, אַזוי ווי "מזלא", דאָס איז דער "מזל העליון" פון וועלכע עס ווערן נשפע אַלע ברכות, מרמז צו זיין אויף אַלע גוטע השפעות ווען דער איד "ווענדט זיך" אַליין צו דעם אויבערשטען, און ער וויל איהם גורם זיין אַ נחת רוח.

**כא.** אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זצ"ל האָט דערציילט, אַז זיין עלטער-זיידע הרה"ק רבי אלעזר מענדל מלעלוב זצ"ל, האָט זיך משדך געווען מיט איינע פון זיינע גרויסע חסידים. בשעת די אירוסין (פאַר די חתונה) האָט רבי אלעזר מענדל נישט געשיקט מתנות פאַר די כלה.

די מחותנת'טע האָט כסדר געמוטשעט איר מאַן, אַז ווען ער וועט זיין ביים רבי'ן, זאָל ער איהם דערמאָנען אַז מ'דאַרף שיקן אַ מתנה פאַר די כלה... עס פאַרשטייט זיך אָבער, אַז ווען דער מחותן איז געווען ביי רבי אלעזר מענדל, האָט ער נישט געקענט אַרויפברענגען אויפ'ן מויל אַזעלכע דיבורים, וועגן מתנות פאַר די כלה...

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען עטליכע מאָל, ביז די מחותנת'טע האָט געזאָגט פאַר איר מאַן דעם מחותן, אַז אויב ער וועט נישט זאָגן דעם רבי'ן אַז מען דאַרף שיקן מתנות פאַר די כלה, קען ער בלייבן ביים רבי'ן...

אין די שלשת ימי הגבלה, איז דער מחותן געפאָרן קיין ירושלים, צום רבי'ן רבי אלעזר מענדל. ווען רבי אלעזר מענדל האָט זיך געפונען ביים קבר פון שמעון הצדיק (ווי ס'איז דער מנהג אין לעלוב צו גיין צום ציון פון שמעון הצדיק אין די שלשת ימי הגבלה, און דאָרט ציילן ספירה), האָט דער מחותן געטראַכט ביי זיך, דער רבי איז טאַקע אין הימל, און ער האָט נישט קיין געלט, אָבער אַ קליינע מתנה קען ער דאָך טאַקע שיקן פאַר די כלה...

אנכי ה' - ס'איז באמת גוט אפי' ס'זעהט נישט אויס אזוי "אנכי ה' אלקיך" - וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס גלייבט אין דעם, און אין די השגחה פרטית וואָס דער באַשעפער קוקט זיך אום אויף יעדן איד.

דער מענטש וואָס גלייבט דערין, איז שטענדיג רואיג און זיכער, און ער ווערט נישט אָפּגעשוואַכט אפילו ווען עס קומט חלילה אַ הסתרה, ווייל מיט זיין אמונה ווייסט ער אַז אונטער די הסתרה איז באַהאַלטן דער גרויסער

---

אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געטראַכט, האָט רבי אלעזר מענדל געעפענט די טיר, און געזאָגט צום מחותן:

- עה, איך האב דאס נישט געגלייבט אויף אייך, מחותן שליט"א. אין אזאלכע גרויסע טעג, שלשת ימי הגבלה, און אזעלכע קליינע שפינדלעך אין קאפ?!

הערנדיג די ווערטער פון רבי אלעזר מענדל, איז דער מחותן באַלד אַהיים געפאָרן, און געזאָגט פאַר זיין רעביצין:

- מיר האָבן אַ מחותן וואָס פליט אין די הימלען, און נאָך איינמאָל אַז דו וועסט מיר אָנזאָגן צו רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן אַזעלכע זאַכן, וועל איך טאַקע נישט אַהיים קומען!...

אַוודאי דאַרפן מיר געבן מתנות פאַר אונזערע חתנים און כלות... אָבער דער גדאַנק איז, מיר דאַרפן זיך אַראָפּלערנען ווי אַזוי אַמאָליגע אידן האָבן געאָטעמט אַן אַנדערן אוויר אין די איצטיגע טעג.

דער סטייפּעלער זצ"ל ברענגט אַ מעשה, אַז אין שנת תרע"ד האָט ער געלערנט אין דער ישיבה אין נאָוואַרדאָק. אַמאָל איז ער אַהיים געפאָרן אויף עטליכע טעג, און פאַר'ן צוריקפאָרן האָט אַ איד אין שטעטל, דער פאָטער פון זיינס אַ חבר וועלכער איז געבליבן אין ישיבה, איהם געפרעגט אויב ער פאָרט צוריק אין ישיבה, און דער סטייפּעלער האָט געענטפערט אַז יאָ. האָט יענער איד אויפגעשריבן אויף אַ צעטל אַ בריוול צו זיין זון, דעם סטייפּעלער'ס חבר, וועלכער האָט דאַן געלערנט אין ישיבה, און עס געגעבן פאַר'ן סטייפּעלער, בעטנדיג ער זאָל איבערגעבן דעם בריוו פאַר זיין זון אין ישיבה.

צומאָרגנס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט מלחמה, און דער סטייפּעלער האָט שוין מער נישט געקענט צוריקפאָרן אין נאָוואָרדאָק. אינצווישן איז דעם חבר'ס פאָטער אַוועק פון דער וועלט ל"ע. ווען דער סטייפּעלער האָט באַגעגנט זיין געוועזענעם חבר, אַכט יאָר שפּעטער, האָט ער איהם דערציילט אַז ער האָט אַ בריוו פאַר איהם, וואָס זיין פאָטער - וועלכער לעבט שוין נישט אַכט יאָר - האָט אָנגעשריבן פאַר איהם.

זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז פאַר דעם חבר איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו זעהן דעם בריוו וואָס זיין פאָטער האָט פאַר איהם געשריבן, און ווען ער האָט געעפענט דעם בריוו, האָט ער דאָרט געלייענט די פאָלגענדע ווערטער: "לכבוד מיין טייערע און גאר באליבטע זון... אחר דרישת שלומך הטוב, איך בעט דיך זייער שטארק, מיין קינד, ביטע געדענק און זאלסט ח"ו נישט פארגעסן, ווען די קומסט צוריק אהיים, געדענק צו ברענגען פאַר מיר פון דאָרט, גזזאַלצענע הערינג...

און דער סטייפּעלער פירט אויס:

- אַזוי זעהט עס אויס, ווען מ'זעהט אַ בריוו פון אַ טאַטע וואָס איז שוין אַכט יאָר נישט אויף דער וועלט, וואָס האָט ער געזוכט אויף די וועלט? - געזאַלצענע הערינג?!...

אַזוי ווערט געברענגט אַ משל, ווען דער מענטש קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, איז ער ווי איינער וואָס פאָרט אויף אַ יריד אין אַ ווייטן אָרט, צו קויפן סחורה כדי אַהיימצוברענגען, און פאַרדינען דערפון שיין געלט דורכ'ן יאָר. אויב ער וועט פאַרברענגען זיין צייט מיט נאַרישקייטן, און נישט קויפן סחורה אַהיימצוברענגען, נאָך וואָס איז ער געפאָרן? צו עסן און טרינקען, האָט ער זיך נישט געדאַרפט מטריח זיין אַזאַ ווייטן וועג, ווייל דאָס האָט ער דאָך אויך ביי זיך אינדערהיים...

הגה"ח רבי ישראל שמעון קאַסטעלאַניץ זצ"ל, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע פון סלאָנים, אַז ער פלעגט אין די הייליגע טעג פון חודש תשרי, שרייען צום עולם: "מ'זאָל זיך נישט דרייען אַזוי ווי אַ נאַר אויפ'ן מאַרק". אנשטאט אויסצונוצן די צייטן איינצוקויפן גוטע סחורה פאַר אַ ביליגן פּרייז, און עס דערנאָך פאַרקויפן דורכ'ן יאָר, און פאַרדינען דערביי א סאַך געלט, פאַרברענגט איר די צייט מיט נאַרישקייטן.

דער סטייפּעלער זצ"ל האָט אַמאָל געזאָגט פאַר אַ בחור וואָס האָט איהם געפרעגט אין וועלכע ישיבה ער זאָל אַריינגיין לערנען, האָט דער סטייפּעלער איהם געזאָגט: "ס'איז נישט קיין חילוק אין וועלכע ישיבה דו גייסט אַריין לערנען, דער עיקר איז נישט צו פאַרברענגען די צייט".

הייליגער באַשעפער ברוך הוא, וואָס גיט אַכטונג אויפ'ן מענטש אין יעדע צייט, און אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, מיט זיין ליבאַשפט צו איהם[כב].

**דער** חתם סופר שרייבט (דרשות, ח"ב, רצט., ד"ה כי), אַז פון די פסוקים אין רות לערנט מען ווי שטאַרק מען דאַרף גלייבן אין השגחה פרטית. ער טייטשט די ווערטער וואָס נעמי האָט געזאָגט צו אירע שנירן רות און ערפה (רות א, כ), "אל תקראנה לי נעמי, תקראנה לי מרה, כי הימר ש-ד-י לי מאד". נעמי האָט זיך געפונען אין אַ שווערן מצב, איר מאַן אלימלך איז נסתלק געוואָרן, און אירע 2 קינדער מחלון וכליון זענען

---

**כב.** אַ איד איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין קינד אויפ'ן "סיידוואָק", און אַנקומענדיג נעבן די באַס-סטאַנציע, האָבןביידע - פאָטער און קינד - זיך אויסגעגליטשט אויף אַ שאָלעכטס פון אַ "באַנאַנאַ". זיי זענען געלעגן אויפ'ן "כביש" (טראָטואַר) אין דער מינוט ווען עס איז געקומען צו פאָרן אַ באַס, וואָס האָט זיי שיער איבערגעפאָרן רח"ל. האָט דער טאַטע זיך שנעל געכאַפּט, און האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטופּ זיין קינד, און איהם אַרויפגעלייגט אויפ'ן "סיידוואָק". ווען דאָס קינד איז געקומען צו זיך, האָט ער געהאַט אַ "טענה" צו זיין טאַטן: "טאַטע, פאַרוואָס האָסטו מיר געגעבן אַזאַ שטאַרקן שטופּ?!...". מיט זיין קליינעם פאַרשטאַנד, באַגרייפט ער נישט אַז מיט דעם "שטופּ" האָט זיין פאָטער געראַטעוועט זיין לעבן. אַזוי דאַרפן מיר אויך לערנען צו פאַרשטיין, אַז יעדער "שטופּ" און דאָס גלייכן, איז נישט מער ווי אַ פּתח הצלה צו ראַטעווען אונז פון געפאַר און משפיע צו זיין אויף אונז אַלע ברכות און טובות.

דער גרעער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט דערציילט, אַז אַמאָל שבת חול המועד סוכות, ביים "טיש", האָט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער זי"ע געזאָגט: "די וועלט איז נישט ווערט אַפילו איין קרעכץ"... בשעת מעשה, האָט אַ באַנק זיך צעבראָכן (צוליב דעם געדרענג צווישן די חסידים), און רבי שלמה לייב, וועמענס פוס האָט געכאַפּט אַ קלאַפּ פון דער באַנק, האָט געגעבן אַ קרעכץ. האָט אַ חסיד וועלכער איז געווען אָנוועזנד, און האָט געהאַט אַן איבעריגע מאָס פון "תמימות"... געפרעגט דעם רבי'ן: "דער רבי האָט דאָך ערשט געזאָגט אַז די וועלט איז נישט ווערט אַפילו איין קרעכץ", און דאָ האָב איך געהערט ווי דער רבי קרעכצט פון דעם זעץ וואָס ער האָט געליטן פון דער באַנק. האָט הרה"ק רבי שלמה לייב געענטפערט דעם איד:

- דו ביזט טאַקע גערעכט, אָבער ווען עס טוט וויי, שרייט מען...

און דער "בית ישראל" האָט עס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער לענטשנער האָט געמיינט צו זאָגן, אַוודאי מעג אַ מענטש קרעכצן ווען עס טוט איהם וויי, נאָר אין זיינע געשרייען דאַרף ער געדענקען אַז באמת איז די וועלט נישט ווערד מ'זאָל געבן אַפילו איין קרעכץ אויף איר, און מ'זאָל נישט נתפעל ווערן פון אַלע פּאַסירונגען אַרום און אַרום, נאָר גלייבן אַז אַלעס איז פון הימל, פאַר די טובה פונעם מענטש.

עס ווערט געברענגט אַ משל, אַ דערבאַרימדיגער פאָטער האָט גענומען זיין זון צום ציין-דאָקטאָר ("דענטיסט") אַז ער זאָל אויסהיילן זיינע ציין וואָס מ'דאַרף פאַררעכטן. עס איז פאַרשטענדליך אַז אַזאַ ציין-באַהאַנדלונג איז פאַרבונדן מיט שטאַרקע ווייטאָגן, אָבער דער טאַטע טוט עס בלילת ברירה, און נאָר דערפאַר ווייל ער מיינט די טובה פונעם זון, וועגן דעם פירט ער איהם צום ציין-דאָקטאָר ער זאָל אויסהיילן זיינע ציין, אַז עס זאָל איהם נישט ווי טוהן אין דער צוקונפט. ער פּרובירט איבערצייגן דאָס קינד ער זאָל איינשטימען צו גיין צום דענטיסט פאַר דער באַהאַנדלונג. דאָס קינד איז געגאַנגען, און אויב ער וויינט און שרייט ווען דער דאָקטאָר באַשעפטיגט זיך מיט איהם, ווייל עס טוט דאָך איהם ווי די באַהאַנדלונג, וועט דער פאָטער אַוודאי נישט מקפיד זיין ווייל דאָס קינד וויינט, ווייל אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט, אַז מ'וויינט און מ'קלאָגט אין צייט פון אַ ווייטאָג, ווי די וועלט זאָגט: "אַז עס טוט וויי, שרייט מען". אָבער אויב דאָס קינד וועט האָבן תרעומות אויפ'ן טאַטן אַז ער מיינט נאָר איהם שלעכטס צו טוהן ח"ו, וועט דאָך דער טאַטע אַוודאי האָבן צער פון אַזעלכע רייד, ווייל ער ווייסט דאָך אַז עס איז נישט פאַרהאַן דערין אַפילו אַ טראָפּ אמת.

דער נמשל: עס איז נישט קיין עוולה אויב דער מענטש וויינט אויף זיין מצב, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך אַזוי באַשאַפן די וועלט, אַז "ווען עס טוט וויי שרייט מען", נאָר דער מענטש טאָר נישט "קריטיקירן" דעם אויבערשטען'ס הנהגה, און אפי' אויב מיט זיינע פליישיגע אויגן זעהט עס אויס פאַר'ן מענטש אַז ער ליידט צער און יסורים ח"ו, דאַרף ער גלייבן באמונה שלימה אַז אַלעס איז לטובה, און ער זאָל עס אָננעמען באהבה ובשמחה.

נסתלק געוואָרן. זי האָט זיך געטראָפן איינער אַליין פון די משפחה, און האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל זיך אומקוקען אויף איר. איין האָפענונג האָט זי נאָך געהאַט, אַז בועז, וואָס ער איז געווען איר שוואָגער (אלימלך'ס ברודער), דער גרויסער שר גדול ונכבד בישראל, וועלכע וואוינט אין בית לחם און פאַרמאָגט אַסאַך געלט, ער וועט איר העלפן..

**ווי** אַזוי האָט נעמי געקענט רעדן מיט בועז? אַן אשה צנועה רעדט דאָך נישט מיט מענער. נעמי האָט טאַקע קיינמאָל נישט אויסגעטוישט אַפילו איין וואָרט מיט איר שוואָגער בועז, איז אַזוי ווי אַזוי וועט זי געהאָלפן ווערן פון איהם?

**שרייבט** דער חתם סופר, נעמי'ס האָפענונג איז געווען, אַז זי וועט רעדן מיט בועז'ס ווייב, איר שוועגערין, און זי וועט רעדן מיט איר מאַן, און אַזוי וועט אפשר ארויסקומען אַ ישועה פאַר נעמי.

**וואָס** האָט אָבער פּאַסירט? ווי נאָר נעמי איז אַריינגעקומען אין בית לחם, שטייט דאָרט אין פסוק: "ויהי כבואנה בית לחם, ותהום כל העיר" (רות א, יט). זאָגט רש"י: "עס איז געוואָרן אַ גרויסע רעש און געטומעל אין שטאָט, ווייל די גאַנצע שטאָט איז זיך צאַמגעקומען צו די לויה פון בועז'ס ווייב, וועלכע איז אַוועק יענע טאָג". דאַן האָט נעמי געזעהן אַז די איינציגע האָפענונג וואָס זי האָט נאָך געהאַט, דורך בועז'ס פרוי, איז שוין אויך נישט דאָ. דעמאָלטס האָט זי געוויינט און געזאָגט "המר שד"י לי מאד" (די אויבערשטער האָט מיר שטאַרק ביטער געמאַכט).

**אָבער** וואָס איז שפּעטער אַרויסגעקומען דערפון? - די ישועה פאַר נעמי. ווייל דערנאָך האָט בועז נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און גענומען רות - די שנור פון נעמי - פאַר אַ פרוי, און פון דעמאָלטס אָן איז אַלע די באַדערפענישן פון נעמי געווען אויפן חשבון פון בועז. און נאָך מער פון דעם, נעמי איז געווען ביי רות די "אומנת", וועלכע האָט געהאָלפן האָדעווען די קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן, וואָס פון דאָרט איז אַרויסגעקומען מלכות בית דוד, און דער מלך המשיח.

**לערנען** מיר דאָ אַ פייערדיגן פרק אין הלכות אמונה. דווקא פון דעם מצב וואָס נעמי האָט געזעהן אלס ביטער, "כי המר שד"י לי מאד", איז אַרויסגעקומען די גרעסטע ישועה פאַר כלל ישראל, מלכות בית דוד, מלך המשיח.

**די** חת"ס שרייבט ווייטער, שלמה המלך ע"ה שטאַמט פון רות, וואָס ביי שלמה המלך זאָגט דער פסוק (מלכים א ח, יג) "בנה בניתי בית זבול לך", שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש. גלות איז דער ערגסטער מצב ביי כלל ישראל. בנין בית המקדש, איז דער בעסטער מצב, די ישועה פון כלל ישראל.

**אין** די צייטן פון שלמה המלך ע"ה, האבן די אידן זוכה געווען געבענטשט צו ווערן מיט א גרויסע ברכה, עס איז געווען די בעסטע צייט פאר אידן, ווען זיי זענען געזעסן "איש תחת גפנו ואחד תחת תאנתו", און דאן איז די לבנה געווען פול (שמ"ר פט"ו, כו). דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון נעמי: "ה'מר ש'די ל'י מ'אד", ראשי תיבות שלמ"ה. דאָס איז אַ רמז, אַז דווקא דער זמן פון "ביטערקייט" און הסתרה ח"ו, דאָס האָט שפּעטער געבערענגט צו די גרויסע השפעה אין די צייטן פון שלמה המלך ע"ה.

**פון** דעם זעהן מיר, אַז ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער האָט חלילה פאַרלוירן יעדע האָפענונג, דאַרף ער זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען, אַז אדרבה, פון דאָרט וועט אַרויסקומען זיין ישועה.

**דעם** לימוד, דאַרפן מיר אַלע זיך אַראָפּלערנען פון די מעשה פון נעמי און רות[כג], אַז דייקא ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער האָט מער נישט קיין האָפענונג ח"ו, זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויף דעם

---

**כג.** דאָס קען זיין אַ טעם פאַר'ן מנהג צו עסן מילכיגע מאכלים אין יום טוב שבועות. די מאכלים וואָס ווערן געמאַכט פון קעז, וואָלטן קיינמאָל נישט געווען אַזוי באַ'טעמ'ט און געשמאַק אויב זיי וואָלטן נישט קודם אַדורכגעגאַנגען דעם פּראָצעס פון פאַרזויערונג און פאַרדאַרבונג פונעם מילך. דאָס לערנט אונז, אַז דער מענטש וואָס גייט אַדורך שוועריגקייטן, ביז עס דאַכט זיך איהם אַז זיין מזל איז "זויער" חלילה, דאַרף געדענקען אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ צוגרייטונג צו די "קעז", דער תועלת וואָס וועט אַרויסקומען דערפון.

באַשעפער, ווייל אדרבה, פון דעם אויבערשטען קומט די ישועה פאַר'ן מענטש.

**אַזוי** זאָגט רש"י (ב"ב צא.) בפירוש: "מתה אשתו של בועז, ולאשמועינן אתא שהקדוש ברוך הוא מקדים רפואה למכה, ויש לו לאדם לבטוח בהקדוש ברוך הוא", דאָס קומט אונז לאָזן הערן, אַז דער אויבערשטער גרייט צו די רפואה פאַר די מכה, און דער מענטש דאַרף זיך דעריבער פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען ברוך הוא[כד].

---

**כד.** מיר געפינען אַז איידער דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו די אידן ביים מעמד הר סיני, האָט ער געזאָגט צו משה רבינו ע"ה (שמות כד, א) "ואל משה אמר, עלה אל ה', אתה ואהרן נדב ואביהוא ושבעים מזקני ישראל". קום אַרויף צו מיר, דו, און אַהרן, און נדב און אביהוא, און די זיבעציג זקנים.

פרעגט דער "טור" (בפירושו על התורה) פאַרוואָס זענען אלעזר און איתמר נישט אויך אַרויפגעגאַנגען? זיי זענען דאָך געווען גרעסער ווי די זקנים, ווי די גמרא זאָגט (עירובין נד:) "כיצד סדר משנה, נכנס אהרן ושנה לו משה פרקו, נכנסו בניו... נכנסו זקנים... נכנסו כל העם... נסתלק אהרן, שנו בניו לזקנים ולכל העם". נאָך דעם ווי משה האָט געלערנט מיט אהרן, האָט ער געלערנט מיט זיינע קינדער, און דערנאָך האָט ער געלערנט מיט די זיבעציג זקנים, און דערנאָך מיט'ן גאַנצן פאָלק. ווען אהרן איז נסתלק געוואָרן האָבן זיינע זון געלערנט מיט די זקנים און מיט אַלע אידן. זעהען מיר דאָך פון דעם, אַז אהרן'ס קינדער, אלעזר און איתמר, זענען געווען גרעסער אין חכמה ווי די זקנים, ווייל זיי האָבן דאָך געלערנט תורה מיט די זקנים. אויב אַזוי, פאַרוואָס זענען די זקנים אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג סיני, און נישט אלעזר און איתמר?

ענטפערט דער טור, אַז דער אויבערשטער, וואָס "לו נתכנו עלילות" (ש"א ב, ג), האָט געוואוסט אַז אהרן'ס קינדער און די זקנים זענען מחויב געוואָרן שריפה רח"ל דורך דעם וואָס זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג, ווי די חז"ל זאָגן (תנחומא בהעלותך, טז) אַז דעמאָלס איז באַשטימט געוואָרן אויף זיי דער עונש פון שריפה רח"ל, נאָר דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט שטערן די שמחה פון די תורה, און ער האָט צוגעוואַרט אויף נדב און אביהוא, ביז דעם ערשטן טאָג פון חודש ניסן אין קומענדיגן יאָר, ווען דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (ג, ד) "וימת נדב ואביהוא לפני ה' בהקריבם אש זרה וגו'". אויף די זקנים, האָט דער אויבערשטער צוגעוואַרט ביז דעם חטא פון די מתאוננים (ווי עס ווערט דערציילט אין פרשת בהעלותך) און דעמאָלס זענען זיי צוגענומען געוואָרן פון דער וועלט רח"ל.

אויב אלעזר און איתמר וואָלטן אויך אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג, וואָלטן זיי אויך געדאַרפט נסתלק ווערן און דאַן וואָלטן אַלע קינדער פון אהרן הכהן פאַרשניטן געוואָרן רח"ל. דער אויבערשטער האָט דאָך נישט געוואָלט אַז די קינדער פון די הייליגע כהונה זאָלן פאַרשניטן ווערן, און וועגן דעם האָט ער אין אָנהייב זיי נישט געלאָזט אַרויפגיין אויפ'ן באַרג (מובא בס' "מושב זקנים" בשם הרא"ש ז"ל).

דאָס איז מרומז אין די טעמים פון די נגינה אויף דעם דערמאנטן פסוק: "ואל משה אמר עלה אל ה', אתה ואהרן, נדב ואביהוא", וואָס די טעמי הנגינה אויף די ווערטער זענען "קדמא ואזלא, מונח רביעי", אַז פון די פיר קינדער פון אהרן הכהן, האָט מען איבערגעלאָזט צוויי זון אונטן אויפ'ן באַרג, ווייל "קדמא ואזלא" - דער אויבערשטער, וואָס ער זעהט אַלעס פון פריער ("קדמא") האָט זיך מקדים געווען צו זעהן אַז "ואזלא" - די וואָס גייען אַרויף אויף דעם באַרג וועלן אַוועקגיין פון דער וועלט פאַר זייער צייט רח"ל. פאַר זייער טובה וועגן, האָט דער אויבערשטער נישט באַפוילן פאַר אלעזר און איתמר אַרויפצוקומען אויפ'ן באַרג, און זיי זענען געבליבן אונטן.

פון דעם לערנען מיר אַ מורא'דיגן לימוד איבער די מדריגה אין אמונה פון אהרן הכהן. אין אַזאַ געהויבענעם זמן, ווען דער אויבערשטער איז אַראָפּגעקומען אויפ'ן באַרג סיני, און די גאַנצע וועלט האָט געזעהן אַז ער איז דער איינציגער באַשעפער, האָט אהרן געזעהן ווי די 70 זקנים, וועלכע זענען געווען אין אַ קלענערע מדריגה ווי זיינע צוויי זון אלעזר און איתמר, גייען אַרויף אויפ'ן באַרג, משיג צו זיין מדריגות אָן אַ שיעור. אָבער זיינע צוויי זון, אלעזר און איתמר, בלייבן שטיין אונטן מיט'ן גאַנצן פאָלק. האָט אהרן הכהן אַוודאי נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געטוהן.

אויך זיינע הייליגע זון, אלעזר און איתמר, האָבן מסתמא זיך געוואונדערט פאַרוואָס עס קומט זיי צו בלייבן אונטן צווישן דעם פאָלק. צו איז דען דאָס דער שכר פאַר אונזערע גרויסע יגיעות אין עבודת ה'? דער אויבערשטער

**"ביום הזה" - קבלת התורה אויך דעם יאר**

**צום** אַלעם ערשטן, דאַרף מען גלייבן אין דער קדושה פון דער צייט[כה], און נישט נאָר אין יענע צייט ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, נאָר אַז פונקט ווי מיר האָבן דעמאָלס באַקומען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, אַזוי באַקומען מיר יעדעס יאָר די תורה אין יום טוב שבועות[כו], ווי חז"ל זאָגן (פסיקתא זוטא, ואתחנן) "חייב אדם לראות את עצמו כאילו מקבל תורה מסיני", דער מענטש דאַרף זיך אַליין זעהן ווי ער איז מקבל די תורה ביים באַרג סיני[כז].

**אַזוי** שרייבט דער "טורי זהב" (או"ח סי' מ"ז סק"ה) אַ כוונה אין די ברכה וואָס מיר מאַכן, "נותן התורה", בלשון הוה, ווייל דער אויבערשטער געבט די תורה

---

זאָגט אָבער, וואַרט צו, וועסטו זעהן אַז נאָר אין זכות פון די דאָזיגע "דערנידעריגונג", וועט איבערבלייבן אַ זכר פאַר דער משפחה פון אהרן הכהן. אַלע כהנים אין אַלע דורות וועלן געריכנט ווערן צווישן די אָפּשטאַמיגע פון אהרן און זיינע קינדער, אַדאַנק די דאָזיגע "השפלה".

דאָס איז מרומז אין דעם פסוק וואָס שטייט ביי שלמה המלך ע"ה (מ"א ה, יב) "וידבר שלשת אלפים משל" (וואָס בפשטות מיינט דער פסוק צו זאָגן, אַז שלמה המלך ע"ה האָט גזאָגט דריי טויזענט משלים). קען מען זאָגן אַ רמז, "שלשת אלפים" איז אַ רמז אויף דריי מענטשן וואָס זייערע נעמען הייבן זיך אָן מיט'ן אות "אלף": אהרן, אלעזר און איתמר. פון די דריי מענטשן זעהען מיר, אַז אפילו אויב עפּעס זעהט אויס בשעת מעשה ווי נישט גוט חלילה, איז עס באמת אַ טובה און אַ ברכה.

דאָס דאַרפן מיר געדענקען, בפרט ווען דער מענטש טראַכט אַמאָל, זעה נאָר ווי מיין חבר איז געשטיגן ברוחניות פילפאַכיג מער ווי איך בין געשטיגן. ער איז געוואָרן אַ "כלי קודש", אַ מגיד שיעור, אַ ראש ישיבה, אַ רבי... יעדער איינער לויט זיין מדריגה. אָדער בגשמיות - מיין חבר איז געוואָרן רייך, ער האָט אַ גוטן נאָמען אַלס אַ מומחה אויף אַ געוויסן פאַך, זיינע קינדער באַשיינען דעם אויבנאָן אין די בעסטע ישיבות, און איך האָב גאָרנישט דערגרייכט... אויף דעם איז דער ענטפער, אַז דער מענטש זאָל נישט זיין קורצזיכטיג, נאָר ער זאָל זיך צוקוקן ווי אַלעס איז מיט אַ חשבון פאַר זיין טובה וועגן. אַמאָל שטעלט זיך דער חשבון אַרויס אַזוי ווי ביי אהרן הכהן, וואָס צום סוף איז אויסגעקומען אַז די גאַנצע "ירידה" איז געווען כדי עס זאָל איבערבלייבן אויף שטענדיג אַ זכר פון זיינע קינדער די כהנים. אָפט מאָל זעהט מען עס ערשט אויפ'ן עולם האמת, אָבער ס'איז קלאָר אַז דאָס איז אמת.

**כה.** הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'ליקוטי הרי"ם'), אַז שבועות איז דער חשוב'סטער און טייערסטער טאָג פון גאַנצן יאָר.

אויך האָט ער געזאָגט ('ליקוטי הרי"ם', יום הכיפורים), אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט "והוא רחום" ביי מעריב מוצאי יום כיפור, מ'האָט דאָך ערשט מוחל געווען אונזערע עוונות אין יום כיפור? נאָר ווייבאַלד מיר האָבן ליידער נישט די אמת'ע און גאַנצע אמונה אַז מיר זענען אינגאַנצן ריין נאָך יום כיפור, פאַר דעם זאָגן מיר "והוא רחום יכפר", ע"כ.

לענינינו, קען מען זאָגן דאָס זעלבע אויך לגבי דעם יום טוב שבועות, מיר דאַרפן זיך מחזק זיין מיט "אמונת עתיך", צו האָבן "אמונה" און גלייבן אין דער געהויבנקייט פון דעם זמן, כדי מיר זאָלן נישט דאַרפן זאָגן שפּעטער, "והוא רחום יכפר"...

עס איז באַקאַנט, אַז צוויי חסידים, וועלכע האָבן פאַרבראַכט דעם יום טוב שבועות אין פרעשבורג ביים הייליגן "חתם סופר" זי"ע, האָבן געשילדערט פאַר הרה"ק השר שלום זי"ע פון בעלזא, ווי אַזוי עס האָט דאָרט אויסגעזעהן שבועות, אַז עס איז געווען "מער ווי נעילה יום כיפור". האָט דער הייליגער בעלזער רב געזאָגט: "אָה, דער הייליגער חתם סופר"... און פון דאַן און ווייטער, האָט ער איהם באַצייכנט אַלס "דער הייליגער חתם סופר".

**כו.** החסיד המפואר רבי אלי' ראָטה זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אַמאָל יום טוב שבועות פאַרטאָגס, פאַר'ן עלות השחר, ווען ער איז געווען ביים כותל מערבי מיט זיין רבי'ן הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, האָט רבי שלמה'קע זיך אָנגערופן צו איהם: "יעצט פרעגט מען אין הימל צו מ'וויל מקבל זיין די תורה. קום, וועלן מיר צוזאַמען ענטפערן 'נעשה ונשמע'...".

**כז.** דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, האָט געברענגט אַ ראיה דערצו, פון דעם וואָס די גמרא זאָגט (שבת קכט:) אַז יעדן ערב יום טוב טאָר מען נישט נעמען בלוט ('הקזת דם'), צוליב דעם חשש פון יום טוב שבועות,

יעדע מינוט פאַר אידישע קינדער, און דער נתינה קומט פון די קבלה וואָס דער מענטש באַקומט ביי מתן תורה אין יום טוב שבועות יעדעס יאָר.

**מענין** זה, טייטשט דער "בית אהרן" זי"ע (קט. ד"ה "משה) דעם פסוק (שמות יט, יט) "משה ידבר". דער פסוק זאָגט אַ לשון עתיד, "ידבר" - "ער וועט רעדן", ווייל משה רבינו איז אָנגעגרייט צו רעדן אין יעדן דור מיט יעדן איד וואָס וויל זיך מטהר זיין און נעמען אויף זיך דעם עול פון דער תורה, ווייל די נשמה פון משה רבינו ע"ה געפינט זיך אין יעדן דור.

**דער** "דברי שמואל" שרייבט, אויפ'ן פסוק (שמות כ, טו) "וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק", אַז יעדעס יאָר איז דאָ פונדאַסניי די בחינה פון קבלת התורה, ווייל די מדרגה פון די דורות ווערט דאָך שוואַכער פון יאָר צו יאָר, און דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואָלט אַז דער אור פון קבלת התורה זאָל אויפשיינען אויך

---

וואָס ווען די אידן זענען געווען ביים באַרג סיני (פאַר קבלת התורה), איז ערב שבועות אַרויס אַ רוח וואָס הייסט "טבוח", און אויב די אידן וואָלטן דעמאָלס נישט מקבל געווען די תורה, וואָלט דער רוח גע'שחט'ן זייער פלייש און בלוט (און וויבאַלד ערב שבועות איז אַ סכנה צו נעמען בלוט, האָט מען עס גע'אסר'ט אויך אין יעדן אַנדערן ערב יום טוב, מובא ברמ"א או"ח סי' תס"ח ס"י). דאַרף מען פאַרשטיין, דער דאָזיגער "רוח" איז דאָך אַרויסגעגאַנגען טויזנטער יאָרן צוריק, אָבער וואָס פאַר אַ סכנה שאַפט עס ח"ו אויך היינטיגע צייטן, אַז מ'האָט צוליב דעם גע'אסר'ט ביז'ן היינטיגן טאָג, צו נעמען בלוט ערב שבועות?

ענטפערט דער "מחצית השקל" (שם, סקט"ו), וויבאַלד עס איז באַקאַנט אַז אין יעדן זמן ווען עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן, ווען עס קומט יענער זמן ווערט ווידעראַמאָל נתעורר אַביסל מעין יענער ענין, קומט אויס אַז דער "רוח" וואָס הייסט "טבוח", גייט אַרויס יעדעס יאָר, און נאָר דורך דעם וואָס אידן זענען נאָך אַמאָל מקבל די תורה אין יום טוב שבועות, ווערן זיי געראַטעוועט פון דעם "רוח". לויט דעם קען מען פאַרשטיין וואָס איז דער ענין צו זיין נזהר אויך היינט פון נעמען בלוט, און נישט נאָר אַלס אַ "זכר" און סימן, נאָר כדי מיר זאָלן האָבן חיות בפועל אויך היינט.

מיר ווייסן דאָך אַז "מדה טובה מרובה", אויב די סכנה וואָס איז דעמאָלס געווען ווערט באַנייט ח"ו יעדעס יאָר, איז דאָך אַוודאי געוויס, קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אַז אַלע ענינים פון מתן תורה, דאָס געבן די תורה, און די דערנענטערונג פון אידישע קינדער צו דעם אויבערשטען, ווערט נתעורר יעדעס יאָר פונדאַסניי, אויך אין אונזער היינטיגן דור - אין יאָר תשפ"א...

נאָך אַ ראיה דערצו ווערט געברענגט, עס איז באַקאַנט אַז מ'שערט נישט אָפּ די נעגל פון די הענט און די פיס אין זעלבן טאָג ("מגן אברהם„ סי' ר"ס, בשם דעם "מגיד מישרים", וואָס האָט עס גיזאָגט צום "בית יוסף" ז"ל), אָבער פונדעסטוועגן, ברענגט דער "ליקוטי מהרי"ח" (ח"ג, דף מה) אין נאָמען פון הרה"ק רבי אלימלך רודניקער זי"ע (און אַזוי זאָגט אויך דער 'חידושי הרי"ם'), אַז ערב שבועות, דאַרף מען נישט מקפיד זיין דערויף, און מ'מעג שניידן די נעגל פון די הענט און פיס אין איין טאָג.

ער זאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל עס שטייט אין זוהר הקדוש (פ' אמור, געברענגט ביים סוף פון "תיקון ליל שבועות"), אַז דער טעם פאַרוואָס די תורה האָט געזאָגט מ'זאָל ציילן ספירת העומר זיבן וואָכן, כדי זיך צו רייניגן פון יעדע טומאה, און נאָכ'ן ציילן ספירה, טובל'ט מען זיך אין אַ מקוה טהרה שבועות ביינאַכט, כדי מיר זאָלן קענען מקבל זיין די תורה בטהרה אין יום טוב שבועות בייטאָג. פאַר דער טבילה, מוז מען דאָך אַראָפּנעמען אַלע חציצות פונעם גוף, און דעריבער, אויב ער וועט נישט אָפּשניידן די נעגל פון די הענט און די פיס, קען דאָך זיין אַ 'חציצה' ביים טובל'ען זיך, וואָס איז מעכב די טבילה. וועגן דעם מעג מען מן הדין אָפּשניידן די נעגל פון די הענט און די פיס אין איין טאָג, אַזוי ווי ביי אַ טבילת מצוה.

לויט דעם קען מען זאָגן, אַז אויב מ'האָט אונז מתיר געווען אין היינטיגן יאָר תשפ"א צו שניידן די נעגל פון די הענט און פיס אין איין טאָג, און מ'זאָגט נישט אַז דער היתר איז געווען שייך נאָר דעמאָלס, איז דאָך אַ סימן אַז מיר דאַרפן זיך אויך רייניגן אַזוי ווי אונזערע עלטערן האָבן זיך מטהר געווען ווען זיי זענען געווען אין מדבר, און אויך מיר וועלן מקבל זיין די תורה אין יום טוב שבועות בפועל ממש, אַזוי ווי זיי האָבן מקבל געווען די תורה ביים באַרג סיני.

אין די נידעריגע ערטער און אין די נידעריגע דורות. ווען די אידן זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, האָבן זיי געזעהן מיט זייער רוח הקודש ווי אַזוי די שפּעטערדיגע דורות וועלן אויסזעהן, און זיי האָבן געזעהן ווי זיי "שטייען פונדערווייטנס" אין אַ שרעקליכע פינצטערניש, און פונדעסטוועגן, זענען זיי מקבל די תורה, האָבן זיי זיך זייער געוואונדערט דערויף (ווי אַזוי ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך, אַז אַזעלכע נידעריגע נשמות זאָלן אויך נעמען די תורה אין די פינצטערסטע צייטן), און אויף דעם זאָגט דער פסוק, "וירא העם וינועו".

**מיר** האָבן שוין אַ סאַך מאָל נאָכגעזאָגט וואָס עס שרייבט דער "חזקוני" (הקדמה לפירושו עה"ת) בזה הלשון: איך שווער, אַז איך האָב געהערט אין חלום דאָס קול פונעם באַשעפער ווי ער זאָגט די עשרת הדברות[כח].

**דער** "שפת אמת" זאָגט (שבועות תרס"א) וועגן דעם מנהג צו לערנען שבועות ביינאַכט, ווייל די משנה זאָגט (אבות פ"ב, מי"ב) "והתקן עצמך ללמוד תורה, שאינה ירושה לך". דו זאָלסט זיך גרייטן צו לערנען תורה, ווייל די תורה גייט נישט אַריבער צו דיר בירושה. איז שווער, דער פסוק זאָגט דאָך (דברים לג, ד) "תורה צוה לנו משה, מורשה קהילת יעקב", זעהט מען דאָך אַז די תורה ווערט יאָ אָנגערופן "מורשה"?

**ענטפערט** דער "שפת אמת", די תורה ווערט אָנגערופן "עץ חיים" - דער בוים פון לעבן. פונקט אַזוי ווי אַ בוים גיט אַרויס פירות יעדעס יאָר, אַזוי באַנייט די תורה אירע 'פרוכט' יעדעס יאָר, און וועגן דעם ווערט מען גע'משפט אין שבועות אויף די פירות וואָס וואַקסן אויפ'ן בוים (ר"ה טז.), דאָס הייסט, מ'ווערט גע'משפט אויף די התחדשות פון די תורה וואָס ווערט גערופן "עץ חיים"[כט], און וועגן דעם ווערט דער יום טוב אויך אָנגערופן "יום הביכורים", וואָס דאָס איז דער ענין פון באַנייאונג.

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז פונקט ווי דער מדרש (תנחומא יתרו, יא) זאָגט, אַז אַלע נביאים און חכמים אין אַלע דורות האָבן שוין באַקומען זייער חלק אין דער תורה ביים מעמד הר סיני, נאָר זייערע ווערטער זענען אויסגעטייטשט געוואָרן יעדעס איינע אין זיין צייט, אַזוי איז יעדן יאָר שבועות, דער זמן פון מתן תורה, באַקומען די אידן זייער חלק פון תורה וואָס ווערט באַנייט אויף אַלע טעג פון יאָר, און דערנאָך נעמט מען עס אַרויס "מן הכח אל הפועל", יעדער איינער אויף

**כח.** דער הייליגער רוזינער זי"ע, האָט נישט געזאָגט דברי תורה ביים טיש יום טוב שבועות ביינאַכט, אָנגעבנדיג דעם טעם דערפאַר: "איך שפּיר זיך אַזוי ווי דער אייגנטימער פון אַ פעלד איידער מ'שניידט די ווייץ: די אַלטע תבואות זענען שוין מער נישט דאָ, און די נייע תבואות האָט מען נאָך נישט געשניטן... דאָס זעלבע איז מיט די תורה, די "אַלטע תורה" האָט מען שוין געענדיגט, און די "נייע תורה" איז נאָך נישט דאָ... דאָס הייסט, אַז יעדעס יאָר ווערט דער מעמד פון קבלת התורה ווידער באַנייט, כפשוטו, אויף אַ ממשות'דיגן אופן.

ענליך שרייבט דער "רמתים צופים" (על התנדב"א פי"ח, אות נח) אַז דער "יוד הקדוש" זי"ע האָט נישט געזאָגט תורה שבועות ביינאַכט, ווייל די חז"ל זאָגן, "דרך ארץ קדמה לתורה"... וואָס טוט מען אָבער אין דער הייליגער נאַכט? מ'גרייט זיך צו קבלת התורה "באימה וביראה ברתת ובזיע", און אַזוי האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ פחד, און אַלע זיינע איברים האָבן געציטערט, עיי"ש.

**כט.** הרה"ק רבי ברוך'ל מעזביז'ער זי"ע האָט געזאָגט, די גמרא זאָגט (מגילה לא:) אַז מ'לייענט די 'תוכחה' אין פרשת בחוקותי פאַר שבועות, ווייל "עצרת נמי ראש השנה הוא" - שבועות איז די זעלבע בחינה ווי "ראש השנה", און כדי עס זאָל זיין "תכלה שנה וקללותיה" (אַזוי ווי אין חודש אלול, ווען מ'לייענט די תוכחה פון פרשת כי תבא, צוליב דעם זעלבן טעם), לייענט מען דעריבער די 'תוכחה' פון פרשת בחוקותי פאר שבועות. האָט דער רבי ר' ברוך'ל געזאָגט, אַז באמת איז דער פחד פון 'יום הדין' אין שבועות, נאָך גרעסער ווי דער פחד אין ראש השנה, ווייל ראש השנה משפט מען אין הימל אויף גשמיות, פרנסה וכדומה, "א קויליטש ארויף, אַ קויליטש אַראָפּ...", אָבער שבועות, איז דער משפט אויך אויף רוחניות, וויפיל רוחניות'דיגע שפע מ'זאָל באַקומען אין לויף פון קומענדיגן יאָר...

אויך האָט דער רבי ר' ברוך'ל געזאָגט, ווי "רייך" איז דער יום טוב שבועות, אַזוי ווייט, אַז ראש השנה דאַרף "באָרגן" פון איהם דעם "אתה נגלית"... (ראש השנה ביי מוסף, זאָגן מיר "אתה נגלית" - מיר דערמאָנען דעם מעמד הר סיני, און מיט דעם ווילן מיר מעורר זיין דעם זכות פון די אידן), קען מען פון דעם זעהן די גרויסקייט פון יום טוב שבועות.

זיין אָרט און אין זיין צייט. אט דער באַנייאונג ווענדט זיך ביי יעדן מענטש, לויט די הכנה וואָס ער האָט געמאַכט פון פריער.

לויט דעם, פאַרענטפערט דער "שפת אמת", דאָס לשון פון די משנה: "התקן עצמך ללמוד תורה, שאינה ירושה לך", יעדער איינער זאָל זיך צוגרייטן צו באַקומען זיין חלק אין תורה וואָס באַנייט זיך פאַר איהם יעדעס יאָר, וואָס דאָס איז נישט אַ באַשטימטע ירושה, נאָר עס ווערט באַנייט אין יעדע צייט. און דער גרויסער טאָג (פון שבועות) איז דער שורש פון תורה פאַר'ן גאַנצן יאָר, ע"כ.

אויף אַן אַנדער אָרט (שבועות תרל"ה, ד"ה "כמו"), זאָגט דער "שפת אמת", אויף די ווערטער פון דער גמרא (פסחים סח:) אַז רב יוסף האָט זיך זייער געפרייט אין יום טוב שבועות, און האָט געבעטן מ'זאָל פאַר איהם צוגרייטן גוטע פלייש ("עגלא תילתא"), ווייל "אי לאו האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא" - ווען נישט דער טאָג, וואָלט געווען אויף דער גאַס אַ סאַך מענטשן ווי ער, רב יוסף.

זאָגט דער "שפת אמת", די גמרא זאָגט נישט "אי לאו מתן תורה", נאָר "האי יומא", ווייל רב יוסף האָט טאַקע געמיינט צו זאָגן "יענעם טאָג ממש" ווען ער האָט געזאָגט זיינע ווערטער. ער האָט געמיינט מתן תורה וואָס ווערט באַנייט יאָר-יערליך.

עס ווערט געברענגט ("נאות הדשא", דברים מפי השמועה, שבועות, אות ג), אַז הרה"ק בעל "אבני נזר" זי"ע האָט געזאָגט, אַז די יעצטיגע טעג זענען אַזוי ווי טעג ווען מ'זייט די תבואה, וואָס מער דער מענטש זייט איין אין די יעצטיגע טעג, קען ער אָפּשניידן ווען עס קומט דער זמן פון שניט פון די תבואה[ל].

אַזוי זאָגט אויך דער פּיאַסעצנער רבי זצ"ל הי"ד ("דרך המלך", שבועות, ליל ב' תרפ"ט), אַז יעדער איד באַקומט אין יום טוב שבועות אַ "נבואה סתומה", דאָס איז דער חלק וואָס ער איז צוגעגרייט משיג צו זיין אין דער תורה אין משך פון גאַנצן יאָר, אָבער דאָס איז פאַרהוילן און באַהאַלטן פון די מענטשן, און די הארות און התעוררות צו וועלכע מ'איז זוכה אינמיטן יאָר איז די שפע וואָס קומט אָן צו איהם פון דעם אוצר וואָס ער האָט באַקומען אין יום טוב שבועות.

דער "אור המאיר" זאָגט (מגילת רות, ד"ה "או יאמר ובן אדם") אַ רמז אויפ'ן פסוק (שמות יט, יט) "ויהי קול השופר הולך וחזק מאד", "חזק" איז פון לשון "האַלטן", ווי די גמרא זאָגט (עירובין יד.) אַז דער ים וואָס שלמה המלך ע"ה האָט געמאַכט, "היה מחזיק מאה וחמשים מקוה טהרה", איז געווען אַזוי גרויס ווי 150 מקוואות פון וואַסער. דאָס איז דער פסוק מרמז: "ויהי קול השופר הולך וחזק מאד", דער קול שופר וואָס מ'האָט געהערט ביים מעמד הר סיני, האָט אַנטהאַלטן אַלעס

ל. הרה"ק רבי מאיר'ל אַמשינוב'ער זי"ע, האָט אַמאָל ערב שבועות, געזאָגט צו אַ חסיד: "זיי נישט אַ שוטה". ווען דער חסיד האָט זיך געוואונדערט וואָס דער רבי מיינט דערמיט, האָט רבי מאיר'ל געזאָגט, די חז"ל זאָגן (חגיגה ד.) אַז אַ שוטה איז דער מענטש וואָס פאַרלירט אַלעס וואָס מ'געבט איהם. דאָ האָט מען געגעבן פאַר'ן מענטש אַ געלעגנהייט צו שטייגן און פאַרגרעסערן זיין רוחניות'דיגן פאַרמעגן, און אויב ער וועט זיך נישט 'אויסטשוכען', אויפצוכאַפּן די לעכטיגקייט און די שפע וואָס קומט אַראָפּ מיט אַן "אתערותא דלעילא" אין יום טוב שבועות, וועט ער חלילה פאַרבלייבן מיט גאָרנישט. קומט אויס אַז ער פאַרלירט אַ גוטע מתנה וואָס מ'גיט איהם.

על דרך משל, אַ מענטש האָט באַקומען בירושה פון זיין פאָטער אַ סאַך פעלדער, און אין דער תקופה פון תשרי, ווען עס איז די בעסטע צייט איינצוזייען די תבואה אין פעלד, פאַרברענגט ער מיט פאַרגעניגנס, עסן און טרינקען, אנשטאט צו דינגען אַרבעטער און איינזייען די פעלדער. אויף אַזאַ אופן, וועט דאָך איהם גאָרנישט איבערבלייבן ווען עס וועט קומען די צייט פונעם שניט, און אנשטאט זיינע פעלדער זאָלן אַרויסגעבן גוטע פרוכט, וועט ער דאָרט טרעפן דערנער און פאַרטריקנטע ביימלעך.

דער נמשל איז פאַרשטענדליך. מיר שטייען יעצט אין טעג פון רוחניות'דיגע זריעות, אָבער דאָס ווענדט זיך אינעם מענטש אַליין, אויב ער וועט זיך אויפכאַפּן פון זיין שלאָף און ער וועט איינזייען תבואה אין זיינע פעלדער, דאָס איז אונזער תפילה און בקשה פון באַשעפער, אַז ער זאָל אונז שענקען פאַרשטאַנד, ווייל נאָר אַזוי וועט מען זעהן ברכה אין די תורה אַ גאַנץ יאָר, ווען עס איז די צייט פון "שניט" פון די רוחניות'דיגע "פרוכט" וואָס מ'האָט איינגעזייט אין יום טוב שבועות.

וואָס יעדער "תלמיד ותיק" - אויך אין די שפּעטערדיגע דורות - וועט מחדש זיין אין תורה, ביז'ן סוף פון אַלע דורות, און דאָס ווערט חזר'ט זיך איבער פונדאַסניי יעדעס יאָר.

**"עצי סרק" - דער יו"ט איז פאר יעדעם איינעם גלייך**

**עס** איז אַ מנהג ישראל צו לייגןביימער אין די בתי מדרשים אין יום טוב שבועות.

**אַ** טעם דערויף, שרייבט דער גאון בעל "חתם סופר" זי"ע (דרשות, מגילת רות, ד"ה "ויהי"), אַז דאָס איז אַ רמז, אַז אויך די מענטשן וואָס זעהען אויס אין זייערע אייגענע אויגן ווי "עצי סרק" (ביימער וואָס גיבן נישט אַרויס פרוכט), דאָס הייסט, זיי האָבן נישט, נישט תורה, נישט מצוות - אויך אַזעלכע מענטשן האָבן אַ חלק אין קבלת התורה אין יום טוב שבועות[לא]. זיי דאַרפן אָבער אויך זעהן אויסצונוצן דעם הייליגן זמן און מקבל זיין

---

**לא.** דער "מגן אברהם" שרייבט (ריש סי' תצ"ד) אַז מ'פּירט זיך צו אויף זיין שבועות ביינאַכט, און מ'לערנט תורה, ווייל דער מדרש זאָגט (שהש"ר פ"א, נו) אַז די אידן זענען געשלאָפן אין דער נאַכט פאַר מתן תורה, און דער אויבערשטער האָט זיי געדאַרפט אויפוועקן פון שלאָף. אַלס א תיקון דערפאַר, זענען מיר אויף אַ גאַנצע נאַכט שבועות.

דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז טאַקע מעגליך אַז 600 טויזנט אידן, וועלכע האָבן זיך געגרייט מקבל צו זיין די תורה ביים מעמד הנבחר אויפ'ן באַרג סיני, זאָלן שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט פאַר אַזאַ התגלות אלקית? עס זענען דאָך געווען צווישן די אידן נביאים און זקנים א.א.וו.. איז ווי אַזוי איז מעגליך אַז זייער נפש האָט נישט געברענט אין זיין צום מעמד ווען דער אויבערשטער וועט זיך צומאַרגנס באַווייזן פאַר זיי? לאָמיר זיך מתבונן זיין, אויב דער אויבערשטער זאָל אונז יעצט זאָגן: "מאָרגן וועל איך זיך באַווייזן צו דיר", וואָלטן מיר דאָך אַוודאי אויפגעשטאַנען גאָר פרי כדי צו קענען אויפנעמען די שכינה ווי פאַסט זיך?

ענטפערט דער "ערוגת הבושם", אַז דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געוואוסט אַז עס וועלן קומען צייטן ווען אידן וועלן זיין טרוד "על המחיה ועל הכלכלה" – צו ברענגען פרנסה. ממילא, האָט דער אויבערשטער אונז געוואָלט לערנען אַז אויך אין אַ צייט פון "קטנות המוחין", דאַרף מען אַלעס איבערלאָזן און נעמען אויף זיך דעם עול תורה לויט די מדרגה אין וועלכע זיי געפינען זיך אין יענע צייט. וועגן דעם האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף זיי אַ שלאָף, און טאַקע פון דעם שלאָף זענען זיי שנעל געגאַנגען מקבל זיין די תורה. פון דעם זעהען מיר, אַז אפי' אויב אַ מענטש איז "פאַרשלאָפן" מיט די הבלי הזמן, די הבלים פון דער צייט, איז שטענדיג דאָ צייט איהם צו ערוועקן, און ער זאָל נישט וואַרטן ביז ער וועט באַקומען די "מוחין", נאָר דייקא אין זיין מצב, זאָל ער מקבל זיין אויף דעם עול תורה ומצוות.

די גמרא זאָגט (שבת פח:) אַז ביי יעדן דיבור פון די צען דברות וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויסגעזאָגט פון זיין מויל, זענען די אידן צוריקגעשפּרינגען (פון פחד) צוועלף מיל, און די מלאכים האָבן זיי צוריקגעברענגט צו זייערע ערטער. לערנען מיר פון דעם אַ מורא'דיגן לימוד לדורות, אַז אפילו אויב דער מענטש איז געפאַלן פון זיין מדריגה און האָט זיך צוריקגעקערט אַ גרויסן מרחק, און ער האָט זיך געשטאַרקט דערויף אָבער ער איז נאָך אַמאָל געפאַלן, טאָר ער נישט פאַלן ביי זיך ח"ו, נאָר ער זאָל זיך אָפּלערנען פון די אידן ביים מעמד הר סיני, וואָס אויף אַזאַ אופן (פון "עליות" און "ירידות") האָבן זיי מקבל געווען די תורה אויפ'ן באַרג סיני.

לויט דעם, זאָגן די ספרים אַ וואונדערליכן טעם פאַרוואָס מיר עסן מילכיגע מאכלים אין יום טוב שבועות, ווייל מילך איז אַנדערש ווי אַנדערע געטראַנקען. אַן אַנדערע משקה, ווען עס ווערט זויער, האָט עס נישט קיין תיקון, און מ'דאַרף עס אויסגיסן אין מיסט, אָבער מילך, אויב עס ווערט זויער, האָט עס אַ האָפענונג, ווייל מ'קען עס נאָך נוצן צו מאַכן קעז דערפון. אדרבה, עס איז נאָך בעסער ווי פריער... אַזוי זאָגט מען צו די אידן, אַז דאָס איז דער תנאי פאַר קבלת התורה, מ'זאָל זיך נישט מייאש זיין, אפי' איינער וואָס האָט זיך חלילה "פאַרזויערט", זאָל ער נישט באַשליסן אַז זיין אָרט איז אין מיסט ח"ו, נאָר אדרבה, ער זאָל וויסן אַז פון יעצט און ווייטער קען מען פון איהם מאַכן אַ גוטן "מאכל"... ממילא טאָר דער מענטש זיך נישט מייאש זיין, ווייל ער קען נאָך אַלץ פאַרבעסערן זיין מצב. דו ביזט נישט אַזוי ווי זויערער וויין, נאָר אַזוי ווי זויערע מילך...

דער ברעזשאַנער רב, דער גאון מהרש"ם זצ"ל, זאָגט, די גמרא זאָגט (בכורות ו:) "דם נעכר ונעשה חלב", דאָס בלוט וואָס ווערט פאַרגליווערט ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין מילך. אויב אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי

די תורה, וואָס איז דער עיקר תכלית פון דעם יום טוב שבועות[לב].

**אויפ'ן** פסוק וואָס שטייט פאַר מתן תורה (שמות יט, ו) "אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל", זאָגט רש"י: "לא פחות, ולא יותר" - די דאָזיגע רייד, נישט וויינגער, און נישט מער, זאָלסטו רעדן צו די אידן. זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע ("דרשות חתם סופר", שסד:) "לא יותר" - דאָס הייסט, אַ מדריגה גרעסער ווי ס'איז געווען דעמאָלט ביי מתן תורה, איז נישט מעגליך

---

מעגן מיר טרינקען מילך? עס קומט דאָך פון בלוט וואָס מ'טאָר נישט עסן? מוז מען בעל כרחך זאָגן, אַז דער מילך איז נישט אַ מציאות פון בלוט, נאָר דאָ איז אַריינגעקומען אַ "פנים חדשות". עס איז געוואָרן אַ נייע ווירקליכקייט... וועגן דעם עסט מען מילכיגע מאכלים אין יום טוב שבועות, כדי אַריינצובלאָזן אין אונז אַ רוח פון חיזוק, אַז אויב מיר וועלן נעמען אויף זיך דעם עול תורה, וועט אונזער גאַנצע מציאות ווערן איבערגעדרייט צום גוטן, ביז מ'וועט אינגאַנצן נישט מער געדענקען אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען געווען עבירות. דאָס איז אַזוי ווי חלב, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט'ן בלוט פון וועלכן עס קומט.

לויט דעם טייטשט דער מהרש"ם, די ווערטער פון די חז"ל (ב"מ נח:) אַז מ'טאָר נישט דערמאָנען אַ בעל תשובה זיינע פריערדיגע שלעכטע מעשים, עס איז אין גדר פון "אונאת דברים". ווייל ווען דער מענטש טוט תשובה, איז עס בכלל נישט "מעשיך הראשונים" - זיינע "פריערדיגע מעשים". ער איז אַ נייער מענטש...

די ספרים זאָגן לויט דעם, אַז פאַר דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז די ערשטע משקה וואָס אַ קינד טרינקט נאָך זיין געבורט, איז מילך, איהם צו לערנען אויפ'ן גאַנצן לעבן, אַז ער איז אַזוי ווי מילך וואָס ווערט אַנדערש פון דעם וואָס ס'איז געווען פריער, און אַזוי קען יעדער מענטש איבערגעדרייט ווערן צום גוטן.

אויך זאָגן די ספרים, אַ טעם פאַרוואָס רבי מאיר ווערט אָנגערופן "מאיר", וואָס די גמרא (עירובין יג:) זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ער איז "מאיר עיני חכמים בהלכה", ער דערלייכט די אויגן פון די חכמים אין הלכה. פאַרוואָס איז פונקט רבי מאיר אין דעם כלל, אַז ער דערלייכט די אויגן פון די חכמים אין הלכה? נאָר רבי מאיר איז דער "מאן דאמר" וואָס זאָגט אַז "דם נעכר ונעשה חלב", וואָס פון איהם לערנען מיר דעם דערמאַנטן כלל אין לעבן, אַז דער מענטש טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, נאָר ער דאַרף געדענקען אַז ער קען זיך שטענדיג באַנייען. דעריבער ווערט ער גערופן רבי "מאיר" - "שמאיר עיני חכמים בהלכה"...

הרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע האָט געזאָגט, חז"ל זאָגן (פסיקתא זוטא, , ז) "בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים", יעדן טאָג דאַרפן די ווערטער פון דער תורה זיין אין דיינע אויגן אַזוי ווי ניי. דאָס איז אַ מוסר השכל פאַר יעדן איינעם וואָס טראַכט אַז ער איז אַ חוטא און אַ פושע ח"ו, וואָס איז נישט ראוי צו לערנען תורה, אַז ער זאָל געדענקען אַז היינט האָט ער פונדאַסניי באַקומען אַ נייע תורה, און ממילא איז עס ווי ער וואָלט נעכטן - בשעת ער האָט געזינדיגט - נאָך נישט געהאַט קיין תורה. ממילא האָט ער מער נישט אַ שייכות מיט די עבירה וואָס ער האָט נעכטן געטוהן.

**לב.** אַמאָל איז אַ רייכער איד, וואָס זיין טפשות איז געווען נישט קלענער ווי זיין רייכטום... אַריינגעקומען צו אַ ראש ישיבה, און איהם געזאָגט אַז ער זוכט אַ גוטן בחור פאַר אַן איידים, אָבער נישט סתם אַ בחור, ווייל ביי איהם איז געלט גאָרנישט, און ער איז גרייט אויסצוהאַלטן דעם איידים זיין גאַנץ לעבן מיט'ן גרעסטן כבוד...

האָט דער ראש ישיבה פאָרגעשטעלט פאַר איהם אַ בחור, "משכמו ומעלה", אַ מושלם און באַצירט מיט יעדע גוטע מדה... דער גביר האָט איהם טאַקע גענומען פאַר אַן איידים, און נאָך די חתונה, האָט ער איהם אָנגעטוהן שיינע קליידער, ווי עס פאַסט פאַר חשוב'ע בעלי בתים. ער האָט איהם אויך געגעבן אַ שיינע דירה אַז ער זאָל קענען זיצן און לערנען פלייסיג, ווי ער איז געווען געוואוינט פון זיינע בחור'ישע יאָרן. יעדן שבת און יום טוב, האָט דער גביר שפּאַצירט אַ שטאָלצער מיטן זיין איידימל אין שול אַריין, און מ'האָט איהם טאַקע אָפגעגעבן גרויס כבוד אין שטאָט, יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען אין באַגלייטונג פון זיין איידים...

נאָך עטליכע חדשים, האָט דער "איידים" געפרעגט דעם גביר, "אפשר קענט איר מיר זאָגן וואו עס געפינט זיך אייער טאָכטער, די טייערע "כלה", מיט וועמען איך דאַרף אויפשטעלן אַ אידישע היים?"... האָט דער נאַרישער עושר איהם געענטפערט:

- ניין! דער אויבערשטער האָט מיך געבענטש מיט אַכט זון, אָבער אַ טאָכטער האָט ער מיר קיינמאָל נישט געגעבן...

האָט דער איידים זיך געוואונדערט:

- "אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט איר מיך אַהערגעברענגט אַלס אַן איידים? וואָס איר מאַכט חוזק פון מיר?

האָט דער עושר איהם געענטפערט:

- איך האָב אייביג געזעהן ווי די רייכע לייט גייען אויף דער גאַס מיט זייערע "איידימער", און מענטשן גיבן זיי אָפּ גרויס כבוד אַדאַנק די דאָזיגע 'קעסט יונגעלייטלעך' וואָס זיי האָבן זיך איינגעקויפט, האָב איך געטראַכט ביי זיך, נאו, אַז דער אויבערשטער וועט מיר געבן גענוג געלט, וועל איך מיר אויך קויפן אַזאַ 'איידים', און ברוך השם, איך האָב זוכה געווען דערצו...

נו, איז דען דאָ אויף דער וועלט, אַ פעדער וואָס קען אָפּמאָלן אַפילו אַ טיילוויַיז בילד פון דעם גרויסן טיפּשות פון דעם דאָזיגן "שווער" ל"ע, וואָס קויפט זיך אַן "איידים" אָן אַ טאָכטער..

דער נמשל פון די מעשה איז, עס קומט אונזער "חתן" און פראַוועט מיט גרויס פּראַכט זיין "חתונה", וואָס חז"ל זאָגן "ביום חתונתו, זה מתן תורה". ער טוט זיך אָן בגדי שבת ויום טוב, ער איז אויף שבועות ביינאַכט, ער עסט אויך אַלע מילכיגע מאכלים למיניהם, אָבער דאָס אַלעס, אָן דעם אַז ער זאָל באַגרייפן אַז אַ "חתונה" מאַכט מען צווישן צוויי צדדים. דער צווייטער צד (די כלה) איז די הייליגע תורה, וואָס אָן איר, איז נישט דאָ אַ כלה... ממילא, דאַרף מען נעמען אויף זיך צו לערנען, ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים... אָן דעם, האָט די "חתונה" נישט קיין פּנים...

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת "חידושי הרי"ם" אין תל אביב, זאָגט ("מורשת גד", חג הפסח) אַ כוונה אין פסוק (תהלים מט, כא) "אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו". יעדער יום טוב האָט אַ "משל" און אַ "נמשל". צום ביישפּיל, אין יום טוב שבועות, איז דער "משל" די מילכיגע מאכלים, אָדער די גראָזן און ביימער וואָס מ'העינגט אויף אין די הייזער און אין די בתי מדרשים, אָדער וואָס מ'שערט זיך אָפּ די האָר ערב יום טוב, א.א.וו. אָבער די אַלע מאכלים זענען נישט מער ווי אַ "משל", און דער מענטש וואָס פאַרשטייט נישט, בלייבט שטעקן מיט'ן "משל", אָן דעם "נמשל...". ער ווערט צוגעגליכנט צו אַ בהמה, ווייל אַ "מענטש" פאַרשטייט דעם "נמשל", וואָס דאָס איז, די עצם קבלת התורה אין יום טוב שבועות, און "תואר כלה מאד נתעלה בקבלת יום זה".

מורא'דיגע ווערטער זאָגט הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע ("תורת אבות", שבועות, אות י') אויפ'ן פסוק (שמות כ, ט) "וירא העם וינועו, ויעמדו מרחוק". עס זענען געווען אידן וואָס זענען געקומען צום באַרג סיני צו הערן די ווערטער פון הייליגן באַשעפער: "אנכי ה' אלקיך", און "לא יהיה לך" וגו'. די אידן האָבן זוכה געווען דערנענטערט צו ווערן צום באַשעפער. עס זענען אָבער אויך געווען מענטשן וואָס זענען נישט מער ווי געקומען זעהן די "טשאַטשקעלעך" - דאָס הייסט, דעם "מצב", די זאַכן וואָס זענען באמת נישט וויכטיג... - און אויף זיי זאָגט דער פסוק "וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק", די פשוט'ע מענטשן זענען געבליבן שטיין פונדערווייטנס... זעהט מען אַז מ'קען אַפילו שטיין ביים באַרג סיני, און פונדעסטוועגן "שטייט מען פונדערווייטנס", וויבאַלד מ'באַשעפטיגט זיך מיט נישט-וויכטיגע זאַכן.

דער "שפת אמת" זאָגט (שבועות תרל"ט) אויפ'ן פסוק "וכל העם רואים את הקולות", "כל העם", מיינט מען יעדער מענטש, די אידן האָבן געשפּירט אין זייערע איברים די הארה פון די תורה, און עס איז דאָך מעגליך אַ מצב וואו דער מענטש זאָל הערן דעם אויבערשטען'ס קול רעדן צו איהם, און ער זאָל עס נישט שפּירן אין אַלע זיינע איברים, אויב ער באַקט עס נישט איין אין האַרצן.

אַ איד איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ ווייטן וועג. ער האָט אָנגעגרייט גענוג שפּייז, צו עסן און טרינקען אויף זיין לאַנגע רייזע. ער האט אויך מיטגענומען גענוג קליידונג, אויף שבת און די וואָכן-טעג, און אַ פּאַספּאָרט, מיט אַלע נויטיגע באַשטעטיגונגען וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר זיך, אַ "וויזע" פאַר יעדן לאַנד וואו ער דאַרף דורכפאָרן. ווען ער האָט שוין געשפּירט אַז ער האָט אַלעס גרייט, האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ, גרייט אָפּצורייזן, אָבער די "קאַר" האָט זיך נישט גערירט פון אָרט... וואָס האָט זיך אַלזאָ אַרויסגעשטעלט? עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער "חכם" האָט אַלעס צוגעגרייט, "הכל בכל מכל", אָבער ער האָט פאַרגעסן דעם עיקר: אָנצופילן דעם קאר מיט גאַזאָלין, און ממילא, קען דער קאר נישט פאָרן, טראָץ אַלע זאַכן וואָס ליגן דערין גרייט אויפ'ן לאַנגן וועג...

דער נמשל איז: אַ איד גרייט זיך מיט אַלע סאָרט הכנות צום קומענדיגן יום טוב הבא עלינו לטובה, ער וואַשט זיך אָפּ און רייניגט דאָס הויז, ער קויפט נייע בגדים, ער שערט אפּ זיינע האָר און גרייט-צו מילכיגע מאכלים לכבוד

עס זאָל זיין. אויך די מלאכים אין הימל האָבן נישט זוכה געווען, און קענען נישט זוכה זיין, מער ווי די מדריגה צו וועלכע די אידן האָבן זוכה געווען ביי מתן תורה. "ולא פחות", מיינט אַז אַפילו דער נידעריגסטער איד איז נישט צו קליין צו קענען זוכה זיין צו די מדריגה, ווייל יעדער איד איז בכח צו דערהייבן זיך צו די דאָזיגע מדריגה.

**אַזוי** זאָגט אויך דער "מאור עינים" (ריש פ' במדבר), אַ כלל, אַז "אי אפשר שיחסר שום אחד מישראל" - עס איז נישט מעגליך עס זאָל פעלן אַפילו איין איד. אַפילו נשמות וואָס זענען געפאַלן ח"ו, דאָס הייסט, די נשמות פון די רשעים, איז נישט מעגליך זיי זאָלן פאַרלוירן גיין חלילה וחס, ווייל דער אויבערשטער טראַכט שטענדיג, "לבלתי ידח ממנו נדח", עס זאָל נישט פאַרשטויסן ווערן חלילה אַפילו איין אידיש נפש.

**אַזוי** זאָגט אויך דער ראָפּשיצער רב זי"ע ("זרע קודש", במדבר, ד"ה "או יאמר במדבר סיני"), אַז דער פּסוק "וידבר ה' אל משה במדבר סיני באהל מועד", ווייזט אויף די הייליגקייט פון תורה, אַז עס גייט פון אַ הויכן אָרט צו אַ נידעריגן אָרט, ווייל אַפילו דער "שפל שבשפלים" קען אָנקומען צו עבודת ה' דורך דער הייליגער תורה.

**אויף** דעם זאָגט דער פּסוק אַז דער אויבערשטער האָט גערעדט צו די אידן אין "מדבר", וואָס איז אַ "מקום פחות מאד" - אַ נידעריג אָרט (פול מיט שלענג און עגדיסן), און "מקום תוקף הקליפות" ח"ו, און פונדעסטוועגן, אויך אין דעם נידעריגן אָרט האָט דער אויבערשטער גערעדט, און דאָרט האָט גערוהט די הייליגע שכינה, אין דעם משכן, און אין אהל מועד. ווייל דאָס איז די שלימות פון תורה, אַז זי זאָל זיך קענען אויסשפּרייטן צו אַלע נידעריגע ערטער און טאָלן, און אויפהייבן אַלע בחינות - אויך די "פחותים" - דורך דער הייליגער תורה, עכל"ק.

**ממילא**, טאָר דער מענטש קיינמאָל נישט זאָגן, איך בין דאָך אַ חוטא און אַ פּושע, און עס געפינען זיך ביי מיר די קליפות ח"ו, און ווי אַזוי וועל איך קענען נעמען די תורה אין אַזאַ מצב. אויף דעם לערנט מען אונז, אַז דווקא פון דאָרט וואו דער מענטש געפינט זיך, קען ער נעמען די תורה.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער "חתם סופר" זי"ע (דרשות, שבועות תקס"ב), אַז די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן צו יחידים, נאָר צו כלל ישראל, אויף אַן אופן אַז יעדער איד זאָל האָבן אַ חלק אין דער תורה, און וועגן דעם איז די שמחה פון אַלע אידן גלייך אין יום טוב שבועות.

**דערמיט** טייטשט דער "חתם סופר", דאָס ענין וואָס מיר עסן מילכיגע מאכלים אין שבועות, און מ'לערנט עס אַרויס בדרך רמז, פון דעם פּסוק (ויקרא כג, טז-יז) "מנחה חדשה לה' בשבועותיכם", ראשי תיבות מחל"ב. דאָס איז אַ רמז, אַז פונקט ווי ביי מילך, טוט מען קודם אויסמעלקן די מילך פון די קוה, אַזוי ווי מ'קלייבט אַרויס "אוכל" פון "פסולת", און דערנאָך טיילט מען איין דאָס מילך אַליין אויף דריי טיילן: דאָס פעטע דערפון, וואָס דאָס איז די פוטער. פונעם איבריגן מאַכט מען קעז, און דאָס איז דער "בינונית" טייל פון מילך. דערנאָך בלייבט דאָס וואַסער פון מילך, וואָס האָט נישט קיין ווערד. אָבער אויב מ'טיילט נישט אָפּ די דריי טיילן, נאָר מ'לאָזט אַלעס איבער, זענען אַלע דריי אַ גוטער צוזאַמענשטעל, און אויף אַזאַ אופן איז עס אַ גוטע משקה, וואָס גיט אַריין לעבן אין די מענטשן און אין די בהמות.

**אַזוי** איז אויך ברוחניות. אין דעם טאָג פון יום טוב שבועות האָט דער אויבערשטער אויסגעקליבן די אידן פון די גוי'שע פעלקער, ווי איינער נעמט אַרויס מילך פון אַ קוה, און אויב מיר מאַכן יעצט אַ פעולה אָפּצוטיילן דעם "מילך" (די אידן, וואָס ווערן צוגעגליכן צו מילך, אויב מיר וועלן זיי איינטיילן אין עטליכע טיילן, לויט זייער מדריגה), וועלן די בני עליה זיין אַזוי ווי "פוטער", די בינונים ווי "קעז", און די מענטשן פון שוואַכערן קלאַס, וועלן חלילה בלייבן אָן אַ תיקון, אַזוי ווי די "וואַסער" פון מילך וואָס האָט נישט קיין נוצן. דער אויבערשטער וויל אָבער נישט אַזאַ "איינטיילונג", און דעריבער דאַרפן

---

יום טוב, אָבער דעם "גאַזאָלין" - זיך אָנצופילן מיט תורה און תפילה לכבוד יום טוב, האָט ער פאַרגעסן צוצוגרייטן, אַזאַ איינער וועט זיך נישט קענען רירן פון אָרט.

די אידן בלייבן "אויסגעמישט", אַזוי ווי מילך וואָס שפייזט די וועלט.

**דעריבער** האָט דער באַשעפער געגעבן די תורה צו די אידן ביים מעמד הנבחר באַלד ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און זיי זענען נאָך נישט געווען ראוי דערצו, צו ווייזן, אַז ביים אויבערשטען איז נישט דאָ אַן אָפּהאַלט, און ממילא טאָר אַ איד זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין פון זיין חלק אין תורה, און אפילו אויב ער איז אין אַ נידעריגע מדרגה, איז ער ווי אַ "גדול שבגדולים"[לג].

**לויט** דעם, טייטשט דער "חתם סופר", די פסוקים (דברים טז, י-יב) "ועשית חג שבועות וגו' ושמחת לפני ה' אלוקיך אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך וגו' במקום אשר יבחר ה' אלוקיך לשכן שמו שם, וזכרת כי עבד היית במצרים וזכרת ועשית את החוקים האלה". זאָגט דער "חתם סופר", אַז די תורה באַפעלט יעדן איינעם, אפילו "עבדך ואמתך" - דיינע קנעכט און דינסטן - זיך צו פרייען אין יום טוב שבועות, ווייל אין דעם הייליגן יום טוב רוהט די שכינה ביי יעדן איינצעלנעם איד. אויף דעם זאָגט דער פסוק: "במקום", אַ רמז, אַז אנשטאַט דעם וואָס דער אויבערשטער זאָל קומען מאַכן רוהען זיין שכינה (נאָר) אויף דעם הייליגן צדיק, מאַכט ער אין דעם טאָג, רוהען זיין שכינה אויף יעדן יחיד.

**דער** "חתם סופר" פירט אויס מיט די פאָלגענדע מורא'דיגע ווערטער: און אויב דו גלייבסט נישט אַז דו ביזט בכוח עס צו טוהן, אפילו לויט דיין קליינע ווערד אין דיינע אויגן, זאָגט אויף דעם דער פסוק, דו זאָלסט געדענקען אַז דו ביזט געווען אַ קנעכט אין מצרים, וואָס דער מעמד און מצב פון אַ קנעכט איז דאָך אַ קלענערע מדריגה ווי די מדריגה אין וועלכע דו ביזט יעצט, און פונדעסטוועגן, האָסטו מקבל געווען די תורה אין דיין מצב, ממילא אויך היינט, "ושמרת ועשית את החוקים האלה", און דו זאָלסט זיך אויך יעצט נישט פאַרמיידן צו פרייען זיך מיט'ן אויבערשטען!

**אַזוי** זאָגט דער "בית אהרן" זי"ע (לר"ח סיון, קט. ד"ה "ואמר") אויף דעם פסוק (שמות יט, יז) "ויתיצבו בתחתית ההר", און די אידן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן אונטערשטען טייל פונעם באַרג (סיני). זאָגט דער "בית אהרן", אַ כוונה, אַז די אידן זענען דעמאָלס געווען אין אַ נידעריגע מדרגה ("בתחתית"), און אויך פאַר זיי האָט דער אויבערשטער געגעבן די תורה. "אם כן הכל יכולין לקבל התורה, יהיה מי שיהיה, אפילו בבחינה תחתונה יכול לקבל" - ממילא, קען יעדער נעמען די תורה, אָפּגעזעהן אין וואָס פאַר אַ מדריגה זיי זענען, אַפילו אין נידעריגע בחינה, קענען זיי נעמען די תורה.

**אויך** זאָגט דאָרט דער "בית אהרן" (ד"ה "ואמר"), אַז יעדער איד קען משיג זיין דאָס חיות פונעם אויבערשטען ברוך הוא, אַפילו דער "קטן שבקטנים", דער "פחות שבפחותים", און דער "שפל שבשפלים", קען משיג זיין דאָס חיות פון דעם אויבערשטען. "ועבירה היא בידינו שאנו ישנים בתרדמת הזמן", און עס איז

---

**לג.** הרה"ק רבי אהרן הגדול מקאַרלין זי"ע האָט געזאָגט (אַנדערע זאָגן עס נאָך אין נאָמען פון הרה"ק רבי העניך זי"ע פון אלכסנדר), אַז דער חילוק צווישן "עצבות" (וואָס איז אסור) און "מרירות" (וואָס מ'מעג האָבן) איז נאָר אַ "חוט השערה" - אַ דין האָרל. ער ברענגט אויף דעם, די ווערטער פון די גמרא (חולין כז.) אַז אויב מ'האט גע'שחט'ן רוב פון די "סימנים" פון די בהמה איז עס כשר, אָבער אויב מ'האָט נאָר גע'שחט'ן אַ העלפט דערפון, איז עס פסול. וויפיל איז דער חילוק, צווישן אַ העלפט, און "רוב"? איז דער תירוץ, "כחוט השערה" - אַ דין האָרל... זעהט מען פון דעם, אַז דער גאַנצער חילוק צווישן "כשר" און "טריפה" איז נישט מער ווי אַ "חוט השערה"... דער סימן צו דערקענען צווישן זיי איז, ווייל ווען דער מענטש איז טרויעריג, ווערט זיין קערפער ווי שווער, און ער לייגט שלאָפן אין אַ מצב פון יאוש ח"ו, אַזוי קען ער נישט פאַרטראָגן נישט זיך און נישט אַנדערע מענטשן. אָבער "מרירות" - ביטערניש - לאָזט נישט דעם מענטשן שלאָפן, ווייל ער ווייסט אַז ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו טוהן עפּעס. דאָס פירט איהם ער זאָל זוכן צו "כאַפּן" מצוות, ער נעמט אַ גמרא און זעצט זיך לערנען, אָדער אַ סידור צו דאַוונענען.

די וועלט זאָגט, אַז דער חילוק צווישן עצבות און מרירות איז, ביי "עצבות" זאָגט מען, "איך האָב שוין גאָרנישט, מיין האָפענונג איז פאַרלוירן", אָבער ביי "מרירות" זאָגט מען, איך האָב "נאָך" גאָרנישט, און ממילא וועל איך פון יעצט און ווייטער טוהן השתדלות צו "קויפן" נאָך און נאָך מצוות און מעשים טובים.

אַן עבירה אין אונזערע הענט אַז מיר שלאָפן פון דער צייט, ווייל אין איין שעה קען מען באַקומען אַ גאַנצן עולם הבא. און פון עטליכע שעה וואָס דער אויבערשטער גיט פאַר דעם מענטש צו לעבן, קען ער דעמאָלט דערגרייכן אַזוי פיל עולם הבא.

און דער מענטש טאָר זיך נישט באַקלאָגן צו זאָגן, "איך בין דאָך נאָך אַזוי ווייט פון דער תורה", און איך דאַרף נאָך גיין אַ "וועיטן וועג" ביז קבלת התורה, ווייל עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (במאמרים לשבועות) אַז דער אויבערשטער האָט דאָך אונז געגעבן די תורה, און מיר פסק'ענען להלכה (ב"ב סה.) אַז "נותן, בעין יפה נותן", ווען מ'גיט אַ מתנה, גיט מען עס מיט אַ ברייטער האַנט. אַזוי גיט דער אויבערשטער פאַר יעדן איינעם דעם כח און דעם שכל ווי אַזוי אָנצוקומען צו תורה, עכ"ל. מיר דאַרפן נאָר עפענען דעם טויער און אָנהייבן צו גיין אויפ'ן וועג וואָס פירט אונז צו תורה און עבודת ה'.

**תיקון ליל שבועות - די גרויסע טהרה אין דעם הייליגן נאַכט**

**די** פוסקים שרייבן ("משנה ברורה", סי' תצ"ד, סק"א) אין נאָמען פונעם אריז"ל (אין "שער הכוונות"): ווער עס שלאָפט נישט שבועות ביינאַכט, נאָר ער לערנט דעמאָלט תורה, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט אויסלעבן דאָס יאָר און עס וועט מיט איהם נישט פאַסירן קיין שום נזק.

**זעהען** מיר פון דעם ווי חשוב עס איז צו לערנען אין דער נאַכט פון שבועות, ווייל מיר געפינען נישט כמעט אין ערגעץ אַן ענליך לשון: "מובטח לו שישלים שנתו"[לד]... און דער אריז"ל לייגט-צו, "און נישט נאָר דאָס, נאָר דאָס גאַנצע לעבן פון מענטש איבער'ן יאָר, איז אָנגעוויזן אויף דעם ענין" (אויב ער לערנט שבועות ביינאַכט).

**דער** מקור דערפון (נישט צו שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט) איז אין זוהר הקדוש (הקדמה, ח"א, ח.) וואו עס ווערט דערציילט, אַז רבי שמעון און די גאַנצע חבריא האָבן געלערנט און "געזינגען" אַ "רנה דאורייתא" - דאָס געזאַנג פון תורה, און זיי האָבן מחדש געווען חידושי תורה, יעדער איינער פון זיי, און רבי שמעון און די חבריא האָבן זיך געפרייט. האָט רבי שמעון געזאָגט צו די חברייא: מיינע קינדער, ווי גרויס איז אייער חלק, ווייל מאָרגן וועט די "כלה" נישט אַריינקומען צו די חופה נאָר מיט אייך צוזאַמען, ווייל איר זענט מתקן דעם "תיקון" אין דער נאַכט (פון שבועות) און איר פרייט זיך מיט די תורה, וועט איר אַלע זיין פאַרצייכנט און פאַרשריבן אין דעם 'ספר הזכרונות' (זכותים), און דער אויבערשטער וועט אייך בענטשן מיט זיבעציג ברכות און קרוינען אויף יענער וועלט וכו'.

**ווייטער** זאָגט דאָרט דער זוהר הקדוש (דף ט.) אַז יעדער איינער וואָס איז זיך משתתף מיט איר אין דער דאָזיגער נאַכט, וועט זיין אָפּגעהיטן אַ גאַנץ יאָר אויבן און אונטן (ברוחניות ובגשמיות), און ער וועט אויסלעבן דאָס יאָר אין פרידן[לה].

**אַזוי** ברענגען די ספרים הקדושים אין נאָמען פון ירושלמי, אַז רבי חייא האָט געזאָגט, מאָרגן וועל איך שרייבן אויף אַ צעטל, דו זאָלסט נישט לייענען דעם פסוק, עצרת "תהיה" לכם, נאָר עצרת "תחיה"

**לד.** הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש האָט געזאָגט שבועות ביינאַכט ("תורת שלום", ספר השיחות, ע' 3) אַז ער האָט אין זיין באַזיץ אַ כתב-יד פון זיין זיידן, הרה"ק בעל "צמח צדיק" זי"ע פון ליובאַוויטש, וואָס ער שרייבט בזה הלשון: איך פאַרזיכער יעדן איינעם וואָס וועט אויף זיין במשך דער גאַנצער נאַכט פון יום טוב שבועות [און ער וועט זיך פלאָגן אויף לימוד התורה] וועט ער זוכה זיין צו די כתר פון תורה.

און דער רבי רש"ב זי"ע האָט אויסגעפירט: דער זיידע, דער "צמח צדק", איז דאָך געווען אַ "פוסק" און אַ מורה הוראה, און פונקט אַזוי ווי מ'פסק'ענט ביים בית דין של מטה, אַזוי פסק'ענט מען ביים בית דין של מעלה, און דעריבער דאַרף מען זיין וואַך שבועות ביינאַכט און האָרעווען אויף תורה.

ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז זיין זיידע, דער "צמח צדק", האָט מדייק געווען אין זיין לשון און געזאָגט "שיהיה ניעור בליל שבועות", אויב מ'וועט זיין אויף שבועות ביינאַכט, ווייל דער עיקר איז, "מ'זאָל נישט שלאָפן"... דאָס הייסט, מ'זאָל נישט לאָזן דעם געהויבענעם זמן אַדורכגיין אָן דעם וואָס מ'זאָל אויסנוצן די צייט צו לערנען תורה.

**לה.** אַזאַ וואונדערליכע הבטחה, געפינען מיר נישט ביי אַנדערע זמנים, נאָר ביי שבועות. ממילא, ווען מ'לערנט תורה אין דער הייליגער און גרויסער נאַכט, דאַרף מען זיך מתבונן זיין, און ווען מ'קומט צו אַ נסיון צו

לכם, ווייל פון דער נאַכט פון שבועות (ווען מ'איז עוסק אין לימוד התורה) קומט אַרויס לעבן פאַר'ן גאַנצן יאָר[לו].

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ג צח.) אַז די חסידים אין די פריערדיגע דורות, זענען נישט געשלאָפן אין דער הייליגער נאַכט, נאָר זיי האָבן זיך געפּלאָגט אויף דער תורה, און זיי האָבן געזאָגט, "ניתי לאחסנא ירותא קדישא לן ולבנן בתרין עלמין", לאָמיר קומען ירש'ענען די הייליגע ירושה פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער נאָך אונז, אין ביידע וועלטן[לז]. און ממילא, דאַרף מען ריכטיג אויסנוצן יעדע מינוט אין דער הייליגער נאַכט פון שבועות.

**ווער** דער מענטש זאָגן: ווער בין איך, צו קענען מאַכן "קישוטי כלה" פאַר די הייליגע שכינה?...

---

איבעררייסן פון לערנען, אַליין, אָדער דורך אַנדערע מענטשן, דאַרף מען געדענקען אַז עס איז "לוינט זיך נישט" איבערצורייסן פון לערנען אין דער גרויסער נאַכט.

**לו.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, זאָגט ("אמרי אמת", שבועות תער"ב) אויפ'ן פסוק (שה"ש ה, ב) "אני ישנה ולבי ער". שבועות איז דאָס האַרץ פון גאַנצן יאָר. "ישנה" באַטרעפט די צאָל 365. אַ גאַנץ יאָר שלאָף איך, אָבער, ולבי" - אין יום טוב שבועות, וואָס איז דאָס האַרץ פונעם יאָר, "ער" - בין איך אויף.

**לז.** הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל האָט אַמאָל שבועות אינדערפרי, אינמיטן שחרית, געזעהן ווי אַ איד דרימלט (זייענדיג מיד פון לערנען אַ גאַנצע נאַכט). ווען דער איד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט רבי חיים איהם געפרעגט:

- ציי האָסטו אַמאָל געזעהן אַ חתן דרימלען, שטייענדיג אונטער די חופּה? שבועות איז דאָך די חתונה פון יעדן איד, ווי חז"ל זאָגן 'ביום חתונתו, זה מתן תורה'....

עס ווערט געברענגט אין ספר "הליכות שלמה" (פי"ב, הערה 13) אַז אַ איד האָט געפרעגט דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, היות ער קען זיין אייגענע נאַטור, און ער ווייסט ביי זיך אַז אויב ער וועט זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט און לערנען תורה, וועט זיין דאַווענען אינדערפרי זיין "נים ולא נים, תיר ולא תיר"... ער וועט נישט קענען האַלטן אָפּען זיינע אויגן... וויל ער דערוויסן וואָס עס איז בעסער פאַר איהם צו טוהן.

האָט רבי שלמה זלמן איהם געענטפערט, מיט זיין דעת תורה, אַז טראָץ דעם וואָס על פי הלכה איז אַוודאי בעסער צו דאַווענען שחרית ווי געהעריג, ווייל דאָס איז דאָך אַ הלכה, איידער מקיים צו זיין דעם מנהג פון זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אָבער אויף די "נפשות" פון דיינע קינדער דאַרפסטו דאָך שטאַרק אַכטונג געבן... (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אויב דו וועסט מקיל זיין אין דעם ענין פון מנהגי ישראל, וועלן דיינע קינדער זיך מעגליך אָפּלערנען פון דיר, אויך צו האַלטן לייכט די מנהגי ישראל אויף וועלכע אידן זענען שטאַרק מקפיד).

דער פאָטער פון רבי שלמה זלמן, הגה"צ רבי חיים לייב אויערבאַך זצ"ל, פלעגט אין יום טוב אַרויפגיין אין הויז פון דעם פּאָפּא'ער דיין, הגה"צ רבי משה יוסף האָפמאַן זצ"ל, צו ווינטשן א גוט יום טוב. איינמאָל האָט רבי חיים לייב באַמערקט אויפ'ן פנים פון פּאָפּא'ער דיין, אַז ער איז פרייליך און אויפגעהייטערט. דאָס פנים "שיינט איהם"... אויף זיין פראַגע, "לשמחה מה זו עושה", האָט דער פּאָפּא'ער דיין איהם געענטפערט:

- באמת, וואָלט איך אייך נישט דערציילט, אָבער אַז איך פרעגט מיך שוין, וועל איך אייך אַנטפּלעקן וואָס איך האָב געזעהן היינטיגע נאַכט: אַלס בחור, האָב איך געלערנט ביים גאון בעל "כתב סופר" זצ"ל, און מיר - די בחורים אין ישיבה - האָבן געהאַט בקבלה פונעם גאון בעל "חתם סופר" זצ"ל, אַז ווער עס לערנט שבועות אַ גאַנצע נאַכט אָן היסח הדעת, ער איז נישט מפסיק איבער זיינע געדאַנקען פון תורה, איז ער זוכה צו דער הויכער מדריגה פון "גילוי אליהו".

- די תלמידים ביי אונז אין ישיבה, האָבן פּרובירט טוהן אַזוי, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען. אויך איך זעלבסט, האָב זיך אַ סאַך יאָרן געפּלאָגט זוכה צו זיין צו דער מדרגה, אָבער עס איז מיר נישט געגאַנגען... היינטיגע נאַכט איז צו מיר צוגעקומען אַן עלטערער איד, און ער האָט מיר געזאָגט פּשט אין אַ זוהר, וואָס איך פּלאָג זיך שוין לאַנג צו דערגיין דעם פּשט. איך האָב פאַרמאַכט מיינע אויגן אויף אַ מינוט, כדי צו זעהן אויב עס שטימט וואָס דער איד האָט מיר געזאָגט. ווען איך האָב געעפענט די אויגן, האָב איך געזעהן אַז דער איד איז מער נישטאָ... אינצווישן איז אָנגעקומען דער עלות השחר, האָב איך פאַרשטאַנען דערפון, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא זכור לטוב... נו, זאָל איך נישט זיין פרייליך און אויפגעהייטערט?!...

**איז** די עצה פאַר איהם, ער זאָל אַדורכלערנען די ווערטער פון "סדר היום" (סדר חג השבועות), וואָס ער ברענגט אַראָפּ די דערמאנטע ווערטער פון זוהר הקדוש, און ער לייגט-צו, מורא'דיגע ווערטער: "אשריו ואשרי חלקו, הזוכה לכל הכבוד הזה, אשר יוצרו כביכול מתפאר ומתקשט בו". וואויל איז אים, און וואויל איז זיין חלק, אַז זיין באַשעפער כביכול לויבט זיך און באַצירט זיך מיט איהם.

**און** עס זאָל נישט זיין לייכט אין די אויגן פון מענטש די דאָזיגע זאַך, ווייל כאָטש דער מענטש איז נידעריג און 'טונקל" אין איין בחינה, אָבער אין אַן אַנדערע בחינה, האָט ער זייער אַ גרויסן כוח, און עס איז אין זיין האַנט, אויפצושטעלן און אונטערהאַלטן אַלע וועלטן... "מה שאין מלאך משרת יכול לעשות כן" - אַ זאַך וואָס אַ מלאך וואָס באַדינט דעם אויבערשטען, איז נישט בכח עס צו טוהן. און ער (דער מענטש) גיט אַריין כביכול אַ כח אין דעם באַשעפער ברוך הוא, ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, כו) "רוכב שמים בעזרך", דער אויבערשטער "רייט" אין הימל, מיט דער "הילף" פון אַ בשר ודם וואָס דינט איהם אויף דער וועלט. און יעדער מענטש, אפי' אויב ער איז דער קלענסטער פון די קלענסטע, און דער פּראָסטסטער פון די פּראָסטסטע מענטשן, זאָל ער זיך אַליין האַלטן חשוב, און ער זאָל זיך אויפהייבן אויף דעם ענין, צו זאָגן, ס'איז מעגליך אַז דורך מיר זאָל קומען עפּעס אַן ענין און אַ תועלת צו טוהן דעם רצון פונעם אויבערשטען ברוך הוא. "ואל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניו"... און די ברכה פון דעם "הדיוט" (דער כח פון יעדן פשוט'ן מענטש) זאָל נישט זיין גרינג אין זיינע אויגן, צו זאָגן "מה אני ומה חיי", ווער בין איך, און וואָס איז ווערד מיין לעבן... אַז דער תיקון פון אַלע וועלטן, אָדער חלילה זייער קלקול, זאָל קומען דורך מיר... עכ"ל.

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער של"ה הקדוש (מסכת שבועות, פרק נר מצוה, אות ח) אין נאָמען פון כתב יד קודש פון הגה"ק רבי שלמה אלקבץ זי"ע, וואָס ער האָט געשילדערט ווי עס האָט אויסגעזעהן דער סדר הלימוד פון די חבריא אין דער נאַכט פון יום טוב שבועות.

**ער** שרייבט: "אין דער צייט ווען מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען די משנה, און מיר האָבן געלערנט צוויי מסכתות, האָט דער אויבערשעטר אונז מזכה געווען, און מיר האָבן געהערט ווי דאָס קול רעדט צו אונז: הערט אויס, מיינע פריינט, מהדרים מן המהדרים, מיינדע טייערע ליבע פריינט, שלום צו אייך, וואויל איז אייך און פאַר די וואָס האָבן אייך געבוירן, וואויל איז פאַר אייך אויף דער וועלט, און וואויל איז אייך אויף יענער וועלט, וואָס איר האָט אַריינגענומען אין האַרצן מיך צו באַצירן אין דער נאַכט, וואָס שוין אַ סאַך יאָרן איז די קרוין פון מיין קאָפּ אַראָפּגעפאַלן און קיינער האָט מיך נישט געקענט טרייסטן. איך בין ווי פאַרוואָרפן אין דער ערד וכו', און יעצט האָט איר צוריקגעברענגט די קרוין צו איר פריערדיגן בעל הבית".

**"שטאַרקט** זיך, מיינע פריינט, פרייט זיך און זייט לוסטיג. איר זאָלט וויסן אַז איר זענט פון די בני עליה, און איר האָט זוכה געווען צו זיין פונעם היכל פונעם קעניג (דעם אויבערשטען), און דער קול פון אייער תורה איז אַרויפגעגאַנגען פאַר דעם אויבערשטען און עס האָט געשפּאָלטן אַ סאַך הימלען ביז עס איז אַרויפגעגאַנגען. די מלאכים האָבן געשוויגן, און די שרפים זענען שטיל געשטאַנען, און אויך די חיות הקודש זענען געבליבן שטיין, און דאָס גאַנצע מיליטער אין הימל, און דער אויבערשטער בראש, טוט הערן אייער קול... דורך אייך איז די שכינה דערהויבן געוואָרן אין דער נאַכט וכו', און אייער תורה איז זיס פאַר דעם אויבערשטען. וועגן דעם, שטייט אויף, מיינע קינדער, אויף אייער פיס, און איר זאָלט מיך אויפהייבן און זאָגן מיט אַ הויך קול, אַזוי ווי אין יום כיפור, 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד'...", עכל"ק.

**זעהען** מיר פון דעם אַז די נאַכט פון שבועות איז הייליג אַזוי ווי יום כיפור, ספּעציעל אויב מ'לערנט תורה וואָס מיט דעם הייבט מען אויף די שכינה הקדושה כביכול, און מ'איז פון די מענטשן פונעם קעניג'ס היכל, און מ'איז זוכה אַריינצוגיין מיט דער "כלה" - די הייליגע שכינה - אונטער דער חופּה פון קבלת התורה.

**אַזוי** שטייט אויך אין ספה"ק "בית אברהם" (עמוד קנה, מאמרים לשבועות, ד"ה חג הקדוש הזה), אַז דער יום טוב שבועות איז אַזוי ווי יום כיפּור. פּונקט ווי עס איז דאָ ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יום כיפּור, אַזוי איז פּסח בבחינת ראש השנה, די ספירה טעג זענען

אַנטקעגן די עשרת ימי תשובה, און דער יום טוב שבועות איז אַנטקעגן יום כיפור.

**שרייבט** ער, די נאַכט פון שבועות איז מכפר אויך אויף חייבי כריתות, אַזוי ווי יום כיפור, און פונקט ווי ביי יום כיפור שטייט "לפני ה' תטהרו", תטהר"ו גימטריא כת"ר, אַזוי קען מען אויך אין יום טוב שבועות, איבערדרייען פון כר"ת צו כת"ר.

**דער** "חתם סופר" שרייבט אויף די ווערטער פון דער גמרא (יומא פה:) "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים". "מי" איז בגימטריא 50. "לפני מי" - איידער עס קומט דער פופציגסטער טאָג פון ספירה - דער יום טוב שבועות - "אתם מטהרים", דאַרפט איר זיך אַליין רייניגן, אָבער "ומי" - אין פופציגסטן טאָג, דאָס הייסט אין יום טוב שבועות, זמן מתן תורתינו, דעמאָלט "מטהר אתכם אביכם שבשמים" - טוט דער אויבערשטער אליין מטהר זיין די אידן.

**ענליכע** ווערטער זאָגט דער "אמרי נועם" (סו"פ פנחס, מובא בס' "יפה ללב", סי' תצ"ד ס"ב) אַז יום כיפור איז אַנטקעגן שבועות, און וועגן דעם טעם, מאַכן מיר שבועות אַזוי ווי יום כיפור: מ'בלייבט-אויף אַ גאַנצע נאַכט, פונקט אַזוי ווי דער כהן גדול און די פרחי כהונה", וועלכע זענען אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט יום כיפור.

**אויך** הרה"ק רבי העניך מ'אלכסנדר זי"ע זאָגט ("חשבה לטובה", שבועות) אַז שבועות איז אַזוי ווי יום כיפור, ווייל חז"ל זאָגן (ירושלמי ביכורים, פ"ג, ה"ג) אַז אַ חתן וואָס האָט חתונה, איז זוכה צו מחילת עוונות. ממילא, איז אין יום טוב שבועות, וואָס איז "יום חתונתו" - דער טאָג פון זיין חתונה (פון יעדן איד, מיט די הייליגע תורה) איז דאָך אויך דאָ מחילת עוונות, אַזוי ווי יום כיפור.

**באמת,** זאָגט דער אריז"ל (שער הכוונות, שער רוח הקודש, ט.) וועגן אַ גאַנץ יאָר, אויב מען שלאָפט נישט איין נאַכט, נאָר מ'לערנט תורה אין משך פון דער נאַכט, ווערט מען פטור פון אַן עונש כרת.

**לויט** דעם, שרייבט דער "מגלה עמוקות" (בהגהותיו למחברת הקודש, סוף דף קו), אַז אויב עס העלפט אַ גאַנץ יאָר דאָס בלייבן וואַך אַ גאַנצע נאַכט, זיך צו פטר'ן און מכפר זיין אויף אַן עונש פון כרת, איז דאָך דער לימוד אין דער נאַכט פון יום טוב שבועות אַוודאי מסוגל, מכפר צו זיין אויף אַ סאַך כריתות שבתורה.

### אבינו אב הרחמן - מתפלל זיין אויף הצלחה אין תורה

**אויפ'ן** פסוק אין פרשת יתרו (שמות יח, כ) "והזהרת אתהם את החקים ואת התורות, והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון", זאָגט דער תרגום יונתן: "ותזהר יתהון ית קיימיא וית אורייתא, ותהודע להון ית צלותא דייצלון בבית כנשתהון" וכו'. דו זאָלסט אָנוואָרענען די אידן די מצוות און די תורה, און דו זאָלסט זיי לאָזן וויסן, וועגן די תפלה וואָס זיי דאַרפן דאַווענען אין זייערע שוהלן.

**איז** דער רמז אין דעם, אַז כדי זוכה צו זיין צו תורה, מוז מען קודם דאַווענען, זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער אַז מ'זאָל זוכה זיין צו תורה.

**אַזוי** שרייבט אויך דער "יערות דבש", אַז דער סוד פון הצלחה אין תורה איז נישט אין די כשרונות פונעם מענטש, נאָר אויב ער איז מאריך בתפלה ביים זאָגן "אהבה רבה".

**דער** "לקט יושר" ברענגט, אַז דער "תרומות הדשן" פלעגט אַ גאַנץ יאָר זאָגן יעדן טאָג מזמור קי"ט פון תהלים, אַז ער זאָל זוכה זיין צו הצלחה ברוחניות לו ולזרעו - פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער.

**מענין** זה ווערט געברענגט אין ספרים (כן מובא בשפ"א כמ"פ בשם זקינו החידושי הרי"ם זצ"ל), אַז אין שבועות לייענט מען מגילת רות, וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם געבורט פון דוד המלך ע"ה, ווייל דוד המלך האָט אַ סאַך מתפלל געווען, ווי ער האָט געזאָגט (תהלים קט, ד) 'ואני תפלה'. אויך זאָגט די גמרא (ברכות ז:) וועגן דוד המלך, 'שריוהו להקב"ה בשירות ותשבחות', און אויך זאָגט די גמרא (מגילה יז:) "וכיון שבא דוד באתה תפלה", אַזוי דוד איז געקומען איז מיטגעקומען תפלה. 'אויף תורה דאַרף מען אַ סאַך מתפלל זיין.

**דער** הייליגער רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער זי"ע האָט געזאָגט (מובא בס' "בארת המים", מהדו"ת, לשבועות), אַז פאַר מתן תורה אויפ'ן באַרג סיני, האָבן די אידן אין די טעג פון ראש חודש סיון ביז דעם טאָג פון קבלת

התורה, זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ מיט אַ השתפכות הנפש, ביים זאָגן "אהבה רבה". זיי האָבן ספּעציעל זיך אויסגעוויינט ביי די ווערטער, "והאר עינינו בתורתך, ודבק לבינו במצוותיך", אַלס אַ הכנה צו מתן תורה.

**אַזוי** האָט געזאָגט הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע (מובא בספה"ק "שפת אמת"), אַ טעם פאַרוואָס מיר זאָגן מגילת רות אין יום טוב שבועות, ווייל ביים סוף פון מגילת רות, ווערט דערציילט וועגן דעם געבורט פון דוד המלך ע"ה, וואָס ער איז געווען דער "נעים זמירות ישראל", און אויף איהם זאָגן די חז"ל (ברכות ז:) אַז ער שטאַמט פון רות, "שריוהו להקדוש ברוך הוא בשירת ותשבחות", ווייל ער האָט "אָנגעזעטיגט" דעם אויבערשטען כביכול מיט זינגען פאַר איהם לויב-געזאַנגען, און אויף איהם זאָגט דער פסוק (תהלים קט, ד) "ואני תפלה", ווייל עס איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי תורה אָן תפילה, און תפילה אָן תורה[לח].

### כאיש אחד בלב אחד - די מצות שבין אדם לחבירו זענען גערעסער אויף די לוחות

**דער** מבי"ט שרייבט (בית אלוקים, שער היסודות פ"ב), אַז די ערשטע פינף דברות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויפ'ן רעכטן לוח פון די שתי לוחות הברית,

---

**לח.** אַמאָל ווען עטליכע לומדי'ישע חסידים פון פוילן האָבן זיך געזעגנט פון הרה"ק בעל "בית אהרן" זי"ע פון קאַרלין, נאָכ'ן ווילן ביי איהם אויף יום טוב שבועות, האָט דער "בית אהרן" זיי געזאָגט:

- אין פוילן האָט מען ליב צו לערנען... אויך מיר האָבן ליב צו לערנען, אָבער מיר טייטשן די ווערטער פון די חז"ל (מגילה כח:) "שמעתתא בעא צילותא" (וואָס די פשוט'ע כוונה דערפון איז, אַז צום לערנען דאַרף מען האָבן הרחבת הדעת, מיט אַ קלאָרן מוח), טייטשן מיר, אַז כדי זוכה צו זיין צו תורה, דאַרף מען מתפלל זיין (פון לשון "צלותא"), און אויך צו תפלה, דאַרף מען האָבן תורה. עס איז נישט גענוג איינס אָן דעם אַנדערן (מובא בס' "ברכת אהרן", עמ' קח).

דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל האָט געזאָגט (מובא בס' "מכתב מאליהו", ח"ד, ע' 177), אַז כאָטש די גמרא זאָגט (ב"מ נט.) אַז נאָכ'ן חורבן בית המקדש, זענען ליידער געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון תפלה, אָבער עס איז דאָ איין תפלה, וואָס ווערט שטענדיג געענטפערט, און דאָס איז "בדוק ומנוסה". דאָס איז די תפלה פאַר סייעתא דשמיא ברוחניות.

אַזוי שטייט אויך אין "ספר חסידים" (סי' קל"א) אַז אויב דער מענטש בעט אויף אַ זאַך וואָס איז אַ שבח פאַר דעם אויבערשטען, ווי צום ביישפיל, ער איז מתפלל אויף הצלחה אין לימוד התורה אָדער אין אַן אַנדערן רוחניות'דיגן ענין, הערט דער אויבערשטער זיין תפלה, אפילו אויב ער איז נישט ראוי דערצו.

אויף דעם פסוק (תהלים פא, יא) "הרחב פיך ואמלאהו", זאָגט רש"י: "הרחב פיך - לשאול ממני כל תאוות לבך. ואמלאהו - ככל אשר תשאל אמלא". אַלע דיינע גליסטענישן, וואָס דו וועסט בעטן פון מיר, וועל איך ערפילן, און דער פסוק, גייט אַרויף אויף דברי תורה (עי' ברכות נ.).

די וועלט זאָגט אַ ווערטל, ווי אַזוי קען מען דערקענען ווער עס איז דער מחותן ביי אַ חתונה, וואו עס זענען דאָ צענדליגער מענטשן (קרובים פון חתן-כלה) וואָס טראָגן בגדי שבת?!... איז דער ענטפער, ווען מ'זעהט איינעם שטיין אין אַ זייט און פאַרגיסט טרערן פאַר דעם אויבערשטען אַז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין, ווייסט מען אַז ער איז דער מחותן... דאָס זעלבע איז, דער "מחותן" ביי די "חתונה" צווישן אידישע קינדער מיט'ן באַשעפער, איז ער וואָס פאַרגיסט טרערן ביי "אהבה רבה", ווען ער זאָגט די ווערטער, "והאר עינינו בתורתך, ודבק לבינו במצוותיך", און אויך ביים זאָגן "והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו". אַזוי ווערט מען מען אַ "מחותן" מיט'ן באַשעפער און זיין הייליגע תורה.

דער הייליגער רבי ר' שמעלקא זי"ע פון ניקלשבורג, האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים (מובא בשו"ת מהרש"ם, סוף ח"ב), אַז אויב מ'האָט נישט געזאָגט "אהבה רבה", און די ברכה פון "אתה חונן" (תפלת שמונה עשרה) בכוונה, איז נישט מעגליך מ'זאָל יענעם טאָג מחדש זיין אַן אמת'ן חידוש אין תורה. האָט איינע פון די תלמידים זיך אָנגערופן:

- "איך האָב היינט נישט אין זינען געהאַט ביי 'אהבה רבה', און ביי 'אתה חונן', און עס איז מיך איינגעפאַלן אַ שיינער חידוש...

האָט דער רבי ר' שמעלקא איהם געהייסן פאַרלייגן זיין חידוש, און ער האָט איהם געוויזן ווי מ'קען עס אָפּווענדן, און אַז ס'איז נישט על דרך האמת.

זענען מצוות שבין אדם למקום (אנכי, לא יהיה לך, לא תעשה לך פסל, לא תשא, זכור את יום השבת לקדשו), און די פינף לעצטע דברות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויפ'ן לינקען לוח, רעדן וועגן מצוות שבין אדם לחבירו (כיבוד אב ואם, לא תרצח, לא תגנוב, לא תענה, לא תחמוד).

**ביי** די דברות וואָס רעדן וועגן די מצוות שבין אדם למקום, האָט דער אויבערשטער מער מאריך געווען ווי ביי די דברות וואָס רעדן וועגן מצוות שבין אדם לחברו.

וויבאַלד ביידע לוחות זענען אָבער געווען גלייך אין מאָס (די זעלבע גרויס), מוז מען זאָגן אַז די אותיות פון די מצוות שבין אדם לחבירו זענען געווען גרעסער ווי די אותיות פון בין אדם למקום כדי אנצופילען דעם גאנצען לוח[לט].

**דאָס** קומט אונז צו לערנען, אַז דער אויבערשטער האָט מער מקפיד געווען אויף די מצוות שבין אדם לחבירו. אויך זאָגן די חז"ל (סוטה יד.) "תורה תחילתה גמילות חסדים וסופה גמילות חסדים".

---

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז דער ראָפשיצער רב זי"ע האָט אַמאָל, אין יום טוב שבועות, געזעהן ווי אַ יונגערמאַן גיסט זיך אויס דאָס האַרץ ביים דאַווענען, ביים זאָגן די ווערטער "והאר עינינו בתורתך". נאָכ'ן דאַווענען, איז דער ראָפשיצער רב צוגעגאַנגען צו דעם יונגערמאַן, האַלטנדיג אַ גרויסע גמרא אין דער האַנט, און גזאָגט:

- איך בין געווען אין הימל, און כ'האָב געזעהן אַז דיין תפלה איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן... אַלעס וואָס דו דאַרפסט יעצט טוהן, איז צו נעמען אַ גמרא, און זיך זעצן לערנען...

דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל: אַן אָרימאַן האָט געבעהטן ביי אַן עושר אַ גרעסערע נדבה. האָט דער עושר איהם געזאָגט, אַז יעצט האָט ער נישט אויף זיך קיין געלט. "קום אַריבער צו מיר אין געשעפט, וועל איך דיר געבן געלט", און ער האָט פאַר איהם באַשטימט אַ צייט ווען ער זאָל אַריבערקומען אין געשעפט.

פאַקטיש, אָבער, איז דער אָרימאַן נישט אָנגעקומען אין געשעפט פונעם גביר, אין די באַשטימטע שעה ווען ער האָט איהם געהייסן קומען. צומאָרגנס, האָט דער אָרימאַן ווידעראַמאָל געבעטן, מיט טרערן אין די אויגן, פון דעם עושר, אַ נדבה. האָט דער עושר איהם געזאָגט: "איך האָב דאָך דיך געהייסן קומען נעכטן אין געשעפט. פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען?! נו, דו קענסט היינט קומען אין געשעפט נאָכ'ן געלט...". אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען עטליכע טעג. דער אָרימאַן איז נישט געקומען אין געשעפט, אין דער צייט ווען דער עושר האָט איהם געזאגט. איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז אויב דער אָרימאַן וועט נאָך אַמאָל בעטן אַ נדבה ביי דעם עושר, וועט ער איהם איגנאָרירן אויף אַ פולשטענדיגן אופן (מובא בס' "פנינים יקרים").

דער לימוד פון דעם איז, אַז מ'קען זיך נישט אויסגיסן דאָס האַרץ ביי "אהבה רבה", און ביי "והאר עינינו בתורתך", און ווען עס וועט קומען למעשה, צום לערנען, איז "הילד איננו"... דער "בחור" איז נישט דאָ...

**לט.** הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע פלעגט יעדעס יאָר שבועות, פאַר קריאת התורה, דערציילן צוויי מעשיות.

די ערשטע מעשה האָט פאַסירט מיט'ן גאון רבי שמשון ווערטהיימער זצ"ל.

רבי שמשון ווערטהיימער איז געווען אַ חשוב'ער שר ביים קיסר אין וויען, וועלכער פלעגט שטאַרק הנאה האָבן פון רבי שמשון'ס חכמה. אַמאָל האָט דער קיסר געפרעגט רבי שמשון, פאַרוואָס ליידן אידן אַזוי לאַנג אין גלות?

האָט רבי שמשון ווערטהיימער געענטפערט דעם קעניג, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל עס הערשט קנאה און שנאה צווישן אידן. דער קעניג איז אָבער נישט געווען צופרידן פון זיין ענטפער, און ער האָט איהם געזאָגט אויפגערעגטערהייט, אַז אויב ער וועט איהם נישט צושטעלן אַ צופרידנשטעלנדן ענטפער, וועט ער פאַרטרייבן די אידן פון לאַנד ח"ו.

יענע נאַכט, האָט רבי שמשון געמאַכט אַ "שאלת חלום", און מ'האָט איהם געענטפערט פון הימל, אַז ער האָט טאַקע געענטפערט פאַר'ן קעניג דעם ריכטיגן ענטפער, אַז אידן ליידן אַזוי לאַנג אין גלות צוליב קנאה שנאה וואָס הערשט ליידער צווישן זיי, און ער דאַרף דעריבער נישט געבן דעם קעניג אַן אַנדערן ענטפער.

צומאָרגענס, איז דער קעניג אַרויס מיט זיינע משרתים אויף אַ פאַנג אין וואַלד. זייענדיג אין וואַלד, האָבן זיי זיך צעטיילט, יעדער איז געגאַנגען פאַנגען באַזונדער, און נאָך עטליכע שטונדען, ווען די משרתים האָבן נישט געזעהן דעם קיסר, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז מסתמא איז ער שוין צוריק אין קעניגליכן פאַלאַץ.

באמת האָט דער קעניג אָבער געבלאָנדזשעט אין וואַלד, און אַרויסקומענדיג פון דאָרט, האָט ער נישט געטראָפן קיין איינעם פון זיינע משרתים. ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דער קעניג געזוכט אַ הויז אין וועלכן אַריינצוגיין, כדי איבערנעכטיגן די נאַכט.

אַזוי גייענדיג, איז ער אָנגעקומען צו אַ טייך, און נישט וועלנדיג בלייבן אַליין ביינאַכט, האָט ער אויסגעטוהן זיינע קעניגליכע קליידער, און האָט אַריבערגעשוואומען דעם טיך. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין עטליכע הייזער, אָבער זעהענדיג אַ נאַקעטען מענטש, האָט קיינער איהם נישט געוואָלט אַריינלאָזן. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ אידיש הויז, וואו עס האָט זיך געפונען אַ מזוזה אויף דער טיר, און דער אידישער בעה"ב האָט איהם געעפענט די טיר. כאָטש ער האָט איהם נישט געקענט, האָט ער איהם געגעבן צו עסן און טרינקען און אַ בעט, ווי אויך קליידער. די בעל הבית'טע האָט זייער מורא געהאַט, און געזאָגט פאַר איר מאַן, אפשר איז דער גאַסט גאָר אַ רוביבער וואָס קען דיך באַרויבן אינמיטן נאַכט? דער מאַן האָט איר אָבער צוגעזאָגט אַז ער וועט אויף בלייבן אַ גאַנצע נאַכט, צו היטן אַז דער מענטש זאָל זיי נישט באַ'גנב'ענען.

אינדערפרי האָט דער קעניג געפרעגט דעם אידישן בעל הבית, ווי ווייט עס איז פון דאָרט ביז וויען. ווען דער איד האָט איהם געענטפערט אַז עס איז היבש ווייטלעך, האָט דער קעניג געבעטן דעם איד, ער זאָל איהם באַזאָרגן אַ בעל עגלה. האָט דער איד געענטפערט, אַז ער איז אַ בעל עגלה, און פאַר פערציג רובל וועט ער איהם קענען אָפּפירן קיין וויען...

דער קעניג האָט איינגעשטימט צו באַצאָלן, און האָט געבאָרגט פונעם בעל עגלה, זיין בעל אכסניא, זיין טיליפ אויפ'ן וועג, כדי זיך צו דערוואַרימען די ביינער. אָנקומענדיג אין דער הויפּטשטאָט וויען, האָט דער קעניג געבעטן דעם בעל עגלה, דעם איד וואָס האָט איהם אַריינגענומען, ער זאָל איהם צופירן צום קעניגליכן פּאַלאַץ. דער איד האָט אָבער מורא געהאַט צו פירן דעם קעניג צום פּאַלאַץ, ווייל עס איז געווען אַ גרויסע סכנה פאַר סתם מענטשן צוצוקומען נאָענט צום קעניגליכן פּאַלאַץ, אָן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. דער קעניג האָט איהם אָבער געזאָגט אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, נאָר ער זאָל צופאָרן צום פּאַלאַץ.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צום פּאַלאַץ, איז דער קעניג אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, איבערלאָזענדיג דעם אידישן בעל עגלה אַליין אויפ'ן וואָגן. האָט דער איד געטראַכט ביי זיך, אוי ווי, מיינע בני בית זענען דאָך גערעכט געווען ווען זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט איך זאָל נישט געטרויען דעם גוי, ווייל ער איז מסתמא נישט מער ווי אַ גנב. יעצט, נישט נאָר האָט ער מיר נישט באַצאָלט פאַר דער רייזע, נאָר ער האָט נאָך צוגענומען מיין פעלץ...

נאָך עטליכע מינוט זענען אַרויסגעקומען עטליכע באַדינער, און געזאָגט דעם איד אַז דער קעניג רופט איהם אַריין אין פּאַלאַץ. דער איד איז אַריינגעקומען און זיך געשטעלט פאַר'ן קעניג. ס'איז איהם גאָרנישט איינגעפאַלן אַז דאָס איז דער זעלבער מענטש וועמען ער האָט אַריינגענומען און געגעבן צו עסן און אַ געלעגער איבערצונעכטיגן. ווען דער קעניג האָט איהם געפרעגט אויב ער דערקענט איהם, האָט דער איד געענטפערט אַז ניין. זאָגט איהם דער קעניג, אַז ער איז דאָס דער גוי וואָס איז איינגעשטאַנען ביי איהם די פריערדיגע נאַכט... דערנאָך האָט דער קעניג איהם געזאָגט, אַז ער קען בעטן פון איהם וואָס איהם גלוסט נאָר, אַלס שכר פאַר דעם גוטס וואָס ער האָט געטוהן מיט איהם. דער איד האָט אָבער נישט געוואָלט נעמען פונעם קעניג קיין באַלוינונג.

דער קעניג האָט אָבער נישט מוותר געווען, נאָר געוואָלט באַצאָלן וואָס ער וועט נאָר בעטן פון איהם. צום סוף האָט דער איד געזאָגט, אַז אַזוי ווי לעצטענס האָט זיך אַריינגעצויגן אין זיין שטאָט אַ מענטש וואָס איז איהם משיג גבול, ער פירט אויך מענטשן אויף זיין וואָגן און פאַרקויפט זאַכן וואָס ער פאַרקויפט אַלס פעדלער... בעט ער פונעם קעניג, ער זאָל נישט ערלויבן יענעם איד צו האַנדלען מיט די זעלבע סחורה ווי ער... האָט דער קעניג זיך צעשריגן אויף דעם איד:

- טיפּש איינער! דו האָסט דאָך געקענט בעטן פון מיר אוצרות פון גאָלד און זילבער, און דו וואָלסט אין איין מינוט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן עושר, אַזוי אַז עס וואָלט דיך גאָרנישט אינטערעסירט וואָס יענער מענטש מאַכט קאַליע דיין פרנסה. נאָר צוליב דיין קנאה און שנאה פאַר דיין ברודער, האָסטו מוותר געווען אויף דעם גאַנצן גוטן לוין וואָס איך האָב דיר געוואָלט געבן, צוליב אַ קליינע נקמה אין דיין אידישן משיג גבול!

שפּעטער האָט דער קעניג גערופן רבי שמשון ווערטהיימער, און איהם געזאָגט:

- יעצט זעה איך אַז דו ביזט געווען גערעכט, אַז נאָר צוליב דעם חטא פון שנאת חנם זענען אידן אַזוי לאַנג אין גלות.

די מעשה האָט אַ ספּעציעלע משמעות, באַזונדער אין טאָג פון יום טוב שבועות, ווייל דאָ רעדט מען פון דעם ערשטן דיבור פון די עשרת הדברות, "אנכי ה' אלקיך", די אמונה אַז דער אויבערשטער גיט אַלעס, און קיינער קען נישט צונעמען די פרנסה פון אַ צווייטן.

**אַזוי** שרייבט דער רא"ש אין זיין פירוש אויף מסכת פאה (פ"א, מ"א) אַז דער אויבערשטער האָט מער הנאה פון די מצוות וואָס וואָס מ'טוט מיט זיי אויף דעם רצון פון אַנדערע מענטשן, ווי פון די מצוות בין אדם למקום.

**מיר** געפינען אין פסוק ביים יום טוב שבועות (דברים טז, י-יא) "ועשית חג שבועות לה' אלקיך מסת נדבת ידך אשר תתן כאשר יברכך ה' אלקיך, ושמחת לפני ה' אלוקיך... והלוי אשר בשעריך והגר אשר בקרבך". זעהט מען אַז דער עיקר פון די מצוות היום פון יום טוב שבועות, איז דער ענין פון "נדבת ידך אשר תתן", מ'זאָל געבן צדקה פאַר די אָרימעלייט.

**שרייבט** דער 'רבינו בחיי', פאַרוואָס האָט די תורה אָנגעזאָגט ביי שבועות מער ווי ביי די אַנדערע ימים טובים? פסח איז דאָך זיבן טעג, פאַרשטייט יעדער איינער אַז מ'דאַרף אַ סאַך געלט פאַר 'קמחא דפסחא', און דאָס זעלבע אין סוכות, וואָס איז אויך אַכט טעג. דערפאַר קומט די תורה זאָגן, אַז מ'זאָל נישט מיינען אַז וויבאַלד שבועות איז נאָר איין טאָג, איז נישט פאַהראַן אַ חיוב פון מצות צדקה ווי ביי די אַנדערע ימים טובים, נאָר אויך ביי שבועות זאָל מען געבן "מסת נדבת ידך"[מ].

**פאַרשטייט** זיך, אַז עס מיינט נישט דווקא פון געבן געלט פאַר צדקה, נאָר מיט יעדע זאַך וואָס מ'קען העלפן אַ צווייטן איד, במעשה אָדער מיט ווערטער, אַלעס איז אין כלל פון גמילות חסדים.

**מיט** העלפן אַ צווייטן איד, העלפט מען זיך אַליין, מ'ווערט מחוזק און מ'איז זוכה צו אַ גרויסע שפע פון הימל.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט (זעה 'שיח שרפי קודש', שבועות, אות כד, בשם הרה"ק רבי העניך מאלכסנדר זי"ע) דעם פסוק וואָס מיר זאָגן אין מגילת רות (אין יום טוב שבועות), 'ותרא כי מתאמצת היא ותחדל לדבר אליה', ווען נעמי האט געזעהן אז רות עקשנ'ט זיך (מיטצוגיין), האט זי אויפגעהערט איר איבערצורעדן. לכאורה איז דאָס וואָרט 'היא' איבעריג, ווייל דער פסוק וואָלט נאָר געדאַרפט זאָגן 'ותרא כי מתאמצת'. נאָר די כוונה איז אויף נעמי זעלבסט. נעמי האָט אַליין געשפירט פון דעם וואָס זי טוט אַ חסד מיט רות, כי מתאמצת 'היא' - נעמי אַליין באַקומט אויך חיזוק פון דעם וואָס זי לאָזט איר גיין זיך מדבק זיין תחת כנפי השכינה, און צוליב דעם 'ותחדל לדבר אליה'.

**דער** באַשעפער זאָל העלפן מיר זאָלן זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה מיט ביידע הענט, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, און אויפשטעלן דורות נאמנים לה' ולתורתו, עוסקים בתורה ובמצוות לשמה על ישראל שלום, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו בב"א.

---

די צווייטע מעשה וואָס רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע האָט דערציילט, איז געווען וועגן זיך אַליין. אַ איד האָט זיך אָפּגערעדט פאַר רבי מאיר'ל אַז אַ צווייטער איד איז איהם משיג גבול און נעמט איהם צו זיין פרנסה. האָט רבי מאיר'ל געזאָגט דעם איד, אַ פערד גייט טרינקען פון טייך, און זעצט מיט דער האַנט אויפ'ן וואַסער, ווייל ער זעהט אין וואַסער ווי נאָך אַ פערד בייגט זיך אַראָפּ צו טרינקען וואַסער, און ער האָט מורא אַז יענער פערד וועט אויסטרינקען דאָס וואַסער וואָס ער וויל טרינקען. דער פערד כאַפּט זיך נישט, אַז יענער "פערד" איז נישט מער ווי אַן אָפּשפיגלונג פון איהם אַליין! זעהט ער דען נישט אַז עס איז דאָ גענוג וואַסער פאַר יעדן איינעם.

און רבי מאיר'ל האָט אויסגעפירט:

- דער באַשעפער האָט דען נישט גענוג פאַר יעדן איינעם? ער וויל דיר געבן פרנסה, און דיר דאַכט זיך אַז איינער נעמט עפּעס אַוועק פון דעם וואָס איז דיינס.

**מ.** ס'איז ידוע די סגולה וואָס הגאון רבי חיים פלאַג'י זצ"ל שרייבט, מ'זאָל געבן צדקה צוויי מאָל כמספר ב"ן (52), און מ'זאָל עס געבן פאַר אַ תלמיד חכם וואָס איז אָרים און אַן עניו, און עס איז אַ תיקון פאַר פאַרשידענע ערליי פגמים, און אַ סגולה פאַר חשוכי בנים, און מ'איז מקרב דערמיט די גאולה.